# קול סאטמאר

חודש שבט תש"ע לפ"ק


# "דער איד" אין פיסטריט פונעם "טראַנסילוואַנישע יודישע צייטונג"

אין די איצטיגע טעג קומט אָן אויף די פּאָסט צו חברי ק"ק יטב לב דסאַטמאַר אַ בריוו אַרויסגעשיקט דורך דעם כת הולכים בערכאות העולמי ובג"ץ הציוני, וועלכע לעקן נאָך די וואונדן פון זייער מיאוס'ן דורכפאַל וואָס דער אַפּעלאַט געריכט אין ניו יאָרק האָט זיי דערלאַנגט פאַרגאַנגענעם פרייטאָג פרשת וארא, מיט'ן אורטייל אַז דער כת הולכים בערכאות העולמי האָבן קיינמאָל נישט ערהאַלטן פון קיין שום געריכט סיי וועלכע בעלות איבער די נכסי הקהלה.

ווי שוין באַריכטעט, האָבן די הולכים בערכאות אַריינגעגעבן נאָכ'ן הסתלקות פון מרן רביה"ק בעל ברך משה זי"ע אַ נייע געריכטליכע אָנקלאַגע קעגן ראשי קהל יטב לב דסאַטמאַר. פרישע ראשי הקהלה וועלכע זענען נישט געווען פאַרמישט אין די געריכטליכע פאַפּירן ביז דאַן, זענען אָנגעקלאָגט געוואָרן שלא ברשות בית דין און אפילו אָן איין איינציגע הזמנה לדין תורה.

מיט די קלאַגע האָבן די הולכים בערכאות געוואָלט פאַרכאַפּן אַלע נכסי הקהלה וועלכע עס איז זיי נישט געלונגען פריער צו באַראַבעווען, אַריינגערעכנט דעם בית החיים דקרית יואל אשר שם חלקת מחוקק ספון פון רבותינו הקדושים מסאַטמאַר זי"ע, און עס איז אויך דער מקום מנוחתם פון די פילע צדיקים וגדולי ישראל, און די חסידים ואנשי מעשה ונשים צדקניות פון ק"ק סאַטמאַר פון די לעצטע דרייסיג יאָר.

ווי נאָר דער אַפּעלאַט אורטייל איז ערשינען האָט זיך פונדאָסניי אַראָפּגעלאָזט אַ דעמאָראַליזאַציע ביי דעם דאָזיגען כת; עס איז געוואָרן עולם חשוך בעדם אַז מ'וועט נישט קענען מער פאַרקויפן דעם שקר אַז "אַלעס בלייבט ביים אַלטן".

מען דאַרף נישט איבער'חזר'ן דעם חילול השם הגדול והנורא, די מרידה בה' ותורתו הקדושה, דעם בזיון כבוד התורה וכבוד רבותינו הקדושים זי"ע, מיט זייער קלאַגע אינעם הונטערשטן געריכט, און דערנאָך ביים אַפּעלירן צום העכערן געריכט. אָבער בחסדי ה' אַז עס איז מקוים געוואָרן דער "לא ינוח שבט הרשע על גורל הצדיקים" דאַרף מען לויבן השי"ת על כל הטובה אשר עשה און גלייכצייטיג בעטן אויף ווייטער.

וואָס איז געווען דער שריפטליכער ענטפער פונעם כת צום מפלה אין אַפּעלאַט געריכט?

אַ צוויי זייטיגער בריוו, דאַטירט ג' בא תש"ע, אַרויסגעשיקט דורך די פּאָסט צו אַלע סאַטמאַרער מיטגלידער, ווי אויך געדרוקט אין "דער איד" פרשת בשלח, אַ בריוו פול מיט קללות נמרצות, שימפערייען און זידלערייען, העצערייען און בויך-ווייען, שקרים וכזבים למיניהן, וואָס דער קאָפּ טוט זיך דערפון דרייען.

אינעם בריוו (בייגעלייגט פאָטאָסטאַט) מאָלן זיי אַראָפּ די ערליכע ראשי הקהלה און חברה קדישא ווי קאַלטבלוטיגע רשעים, די אַרגסטע געלט-פרעסער, מענטשן-פרעסער, וועלכע טעראָריזירן מכלומרשט די משפחות פון די נפטרים און פאַסמאַקאווען זיך צו הערן אַז אידן ליגן אין שפּיטעלער, און נאָך און נאָך ענליכע צעדרייטע בלבולים וועלכע שרייען אַרויס פון יעדעס וואָרט עקסטער: דעמאָראַליזאַציע.

אַנשטאָט צו באַשולדיגען די אייגענע פירער\פאַרפירער, און באַזונדער דעם א.ג. "לעגאַלן טיעם", וועלכע האָבן מקיים געווען דעם יעצנו רע און אַריינגעפירט אַ פרישע קלאַגע אין געריכט, נאָכ'ן האָבן אין האַנט אַן אורטייל מיט וועלכע מ'האָט געקענט מכלומר'שט זיין צופרידן אַז מ'האָט באַקומען עפּעס בעלות, גיסט מען אויס דעם צאָרן אויף די ערליכע ראשי הקהלה און מען באַשולדיגט זיי אין אַלדאָס בייזן.

אייגענטליך גייען שוין אָן די שימפערייען אויף דעם משונה'דיגן סטיל, באַלד אַ האַלב יאָר.

זינט אָנהויב פאַרגאַנגענעם חודש אלול תשס"ט, ווען עס איז ליידער פלוצים נפטר געוואָרן אַ יונגערמאַן פון קרית יואל, און דער פרעה'דיגער עקשנות נישט צו טון כדת של תורה האָט געצוואונגען די האַרטנעקיגע עקשנים צו עפענען אַן אייגענעם בית החיים, אין פּאָלאַק'ס לאַט אונטער'ן פלויט פונעם בית החיים דקהל יטב לב דסאַטמאַר – זינט דאַן איז "דער איד" ממש מידי שבוע בשבוע אָנגעפולט מיט זייטן, טייל וואָכן פון 8 ביז 10 זייטן, און טייל וואָכן פון 16 ביז 20 זייטן, מיט שימף און זידל-רייד קעגן קהלה קדושה קהל יטב דסאַטמאַר און די חברה קדישא, אויף אַן אופן מגועל מאוד.

פאַר'ן שרייבער פון די דאָזיגע שורות, וועלכער לייענט אַלע דריי חרדישע צייטונגען אין ניו יאָרק, ובתוכם אויך "דער איד", איז געווען אַ וואונדער: זענען די פילע זייטן אין "דער איד", ווי אויך די בריוון פונעם כת, מיט אַזויפיל שמוץ רייד און קללות נמרצות, בייסיגע אַנאָנסן אד"ג, אייגענע חידושים? האָט דער כת גנבים\גזלנים\חמסנים אַזעלכע פעאיגע שריפטשטעלער אָנצופולן וועכנטליך אַזויפיל בלעטער איבער בלעטער מיט אַזויפיל דברי חירוף וגידוף?

עס האָט געוואונדערט צי דאָס איז טאַקע אייגנס, אדער שעפּן זיי דאָס פון אַן אומבאַקאַנטן קוואַל.

יגעת ומצאת תאמין.

מ'האָמיר געזוכט, מ'האָמיר געפאָרשט, ביז מ'זעמיר דערגאַנגען אַז עס איז גאָר קיין נייעס נישט, נאָר אין אַ בחינה פון ככלב שב על קיאו.

ווי באַוואוסט איז פאַר די צווייטע וועלט קריג פאָרגעקומען אַ סכסוך אין די שטאָט קראָלי. צוליב דעם סכסוך האָט איין צד געגרונדעט אין יאָר תרצ"ה אַ שמוציגע נידערטרעכטיגע צייטונג, אונטער'ן נאָמען "טראַנסילוואַנישע יודישע צייטונג", אַרויסגעגעבן דורך איינעם מיט'ן נאָמען שמואל צבי ווייס פון די שטאָט סאַטמאַר.

עס איז עד היום דאָ מיינונגען אַז די אַרויסגעבער זענען געווען אַנדערע וועלכע האָבן זיך באַהאַלטן אונטער דעם נאָמען שמואל צבי ווייס. אבער לענינינו איז דער נאָמען נישט קיין נפקא מינה צו די נושא.

אָט דער שמוציגער צייטונג איז געגרונדעט


ב"ה

ערשיינט יעדען פרייטאג

נר' 18.

# טראנסילוואנישע יודישע צייטונג

צענטראל ארגאן פאר די אינטערעסען פון'ם טראנסילוואנישען יודענטום

| | |
|---|---|
| אבאנאמענט פרייזע: | |
| רומאניען גאנץ יאהר | 200 לעי |
| טשעכיי " " | 50 קראנען |
| אינגארן " " | 12 פענגא |
| יוגאסלאווען " | 100 דינאר |

Redactor WEISZ SAMUEL

Ziarul Evreesc din Transilvania—Transilwanische Jüdische Zeitung

ŞOMCUTA-MARE, (Jud. Satu-Mare).

SEPTEMBER 6. 1935.

## אבטונג אבאנאמענטען

די יעניגע וואס באקומען נישט די צייטונגען איז דערפאר ווייל נאך מעהרערע אויפפאָדערונגען האָבן זיי אונז נישט איינגעזענדעט דאס אבאנאמענט'ס אבצאהל און זיי זאָלען וויסען אז דער חוב איז עכט גזל.

פון איצטער אָן נעמען מיר נישט אָן קיין שום באשטעללונג נור אז מען שיקט אין פאראויס דאס געלד.

## זכור את אשר עשה לך עמלק

# די זעלבע ליצני הדור

## (ב)

אחד החסידים, חבר קהל יטב לב דסאטמאר

די ליצני הדור האָבן פאַרגאַנגענע וואָך אין "דער איד" אונטערגענומען אַן אומבאַהאַלטענעם אַגרעסיוון קאַמפּיין צו הייבן זייערע פלייש געשעפטן און צו ווענדן שעדיגען דעם שטאַרקן הצלחה בס"ד פונעם בית השחיטה המהודרת דקרית יואל, מיט פול-שעלטענדיגע אַרטיקלען, מיט גאַנצע פּשעטלעך איבער דעם "סייעתא דשמיא" און "נאמנות" וואָס דער בית השחיטה המהודרת דקרית יואל האָט יאָ אדער נישט נאָכ'ן צוריקרוף פון די קאַטשקע פלייש, עפ"י הוראת הרבנים הגאוה"צ הבעלי מכשירים שליט"א.

לאמיתו של דבר וואָלטן מיר זיך נישט געדאַרפט מטפל זיין מיט זייערע שימפּעדיגע אַרטיקלען וואָס מען זעט קלאָר אַז דער פינאַנציעלער זאָרג און די איינגעגעסענע שנאה איז די הויפּט טרייב-קראַפט פון די אַרטיקלען.

נאָר אַזוי ווי אונזער ערשטער מאמר, "די זעלבע ליצני הדור", האָט געהאַט גאָר אַ שטאַרקן אָפּקלאַנג; טויזנטער, און אפשר גאָר צענדליגער טויזנטער, זענען געוואויר געוואָרן פון אַ פּרשה וואָס די היינטיגע ליצני הדור וואָלטן נישט אַזוי געוואָלט מען זאָל דערפון וויסן, און זיכער נישט שרייבן, שפּירט דער שרייבער פון די שורות אַז עדיין מקום הניחו לו להתגדר; עס איז דאָ וואָס נאָך אַרויסצולערנען פון די פּרשה פון די ווייצלעך אין די סאַטמאַרער מצות אין יאָר תשל"ה.

מיט וועלכע מעטאָדן ווילן די היינטיגע ליצני הדור הייבן די אייגענע סעילס אין זייערע בוטשערן און פּרובירן צו שעדיגען דעם בית השחיטה המהודרת דקרית יואל?

דורך זינגען אַ ניגון פון "סייעתא דשמיא" און "נאמנות".

אַז זיי זינגען אַ ניגון, וועלן מיר זינגען דעם גמרא ניגון, און פריער אָפּלערנען אַ שטיקל גמרא אין מסכת חולין דף ס"ב ע"ב, וואָס האָט אַ שייכות צום ענין. דאָרט דערציילט די גמרא, אַז רב פּפּא האָט קודם מתיר געווען אַן עוף וואָס הייסט "תרנגולתא דאגמא". דערציילט די גמרא בשם מרימר, אַז שפּעטער האָבן די חכמים געזען אַז תרנגולתא דאגמא איז יאָ אַ דורסת, האָט מען עס גע'אסר'ט.

טאַקע פון דעם שטיקל גמרא, צוליב די מעשה אַז קודם האָבן די חכמים מתיר געווען דעם עוף און שפּעטער האָבן זיי אַליין געזען אַז עס איז אַן עוף טמא, לערנט רש"י אויפ'ן פלאַץ אַרויס די הלכה אַז מען דאַרף האָבן אַ מסורה ביי עוף.

פרעגט אויף דעם דער טורי זהב אין יו"ד סימן פ"ב ס"ק ד', לכאורה וויאַזוי האָט אַזאַ זאַך געקענט פּאַסירן, חז"ל זאָגן דאָך "צדיקים אין הקב"ה מביא תקלה על ידם", און תוספות זאָגט דאָך אַז דאָס איז דוקא במידי דאכילה. וויאַזוי האָט געקענט פּאַסירן אַז רב פּפּא זאָל מתיר זיין דעם עוף?

ערקלערט דער טורי זהב, בשם תוספות אין מסכת גיטין, אַז נאָר אויב דער צדיק אַליין עסט דעם דבר איסור איז עס אַ גנאי. אויב אבער דער המון עם האָט געגעסן דעם איסור עפּ"י הוראת הגדולים, איז עס נישט קיין גנאי פאַר'ן צדיק.

עס איז טאַקע מערקווירדיג צו נאָטירן אַ פאַקט וואָס ווערט דאָרט אויך געברענגט אין מחזור דברי יואל, אַז ביים רבי'נס אייגענע מצות פון יענעם יאָר תשל"ה איז בכלל נישט געווען דער חשש, ווייל פאַר'ן רבי'ן האָט מען דאָך געקליבן עקסטער די ווייץ און געבאַקן עקסטער. מען האָט געזען בחוש דעם צדיקים אין הקב"ה מביא תקלה על ידם.

אבער דער טורי זהב זאָגט דאָ קלאָר אַז ווען עס פּאַסירט ח"ו אַמאָל אַן אונס טעות, און דער המון עם עסט אַן איסור בהוראת הרבנים, איז עס בכלל נישט קיין גנאי פאַר'ן צדיק און מען קען נאָך אויף דעם צדיק זאָגן "אין הקב"ה מביא תקלה על ידו".

לויט דעם וויל זיך פרעגן עטליכע פראַגעס פון די ליצני הדור: זאָגט נאָר, האָט דער אָנפירער פונעם בית אופה דסאַטמאַר, פאַרלוירן זיין נאמנות אין תשל"ה, און נישט געקענט מער עפענען דעם בית אופה אין תשל"ו, צוליב דעם וואָס אין פּסח תשל"ה האָבן אלפים ורבבות אידן זיך געדאַרפט ספּראַווען מיט אַ האַרבע שאלה פון ווייצלעך אין די מצות וואָס איז געשען באונס?

האָט ק"ק סאַטמאַר, בראשות מייסדה הגדול, מרן רבינו הקדוש והטהור זי"ע בעל דברי יואל, חס מלהזכיר פאַרלוירן נאמנות און סייעתא דשמיא ווייל עס האָט גענומען כמעט אַ גאַנצע וואָך ביז מען האָט מברר געווען די פאַקטן און די הלכה, און ערשט אום שביעי של פסח מודיע געווען אַז מען טאָר נישט בראָקען, טראָץ וואָס קינדער און אשכנזישע אידן האָבן שוין בשוגג ובאונס געבראָקט ביז דאַן?

אפשר לויט די ליצני הדור פון תשל"ה און אפשר לויט די ליצני הדור פון תש"ע. אבער לויט ווי דער טורי זהב זאָגט קלאָר, אַז אפילו נאָך אַזאַ מעשה גילט ווייטער דער כלל פון "צדיקים אין הקב"ה מביא תקלה על ידם".

עס איז גענצליך איבעריג איבערצו'חזר'ן דאָס וואָס איז ידוע ומפורסם לכל מאן דבעי למינדע, פאַר יעדן וואָס איז נאָר אַביסעלע פאַראינטערעסירט אינעם אמת, אַז די רבנים הגאוה"צ המכשירים שליט"א האָבן פאַרעפנטליכט דעם צוריקרוף לחומרא, כדי אָנצוהאַלטן דעם העכסטן סטאַנדאַרט אין כשרות וואָס די מהדרין למהדרין פאַרלאַנגען, טראָץ מען וואָלט ווען געקענט טרעפן גענוג קולות און צדדי היתר אויף וואָס זיך סומך צו זיין.

אבער די ליצני הדור, אין איינע פון זייערע שימפּעדיגע אַרטיקלען מאַכן דעם חשבון, אַז היות בלויז אין קרית יואל האָט מען געמאַכט אַ צוריקרוף, און מען האָט נאָך קיינמאָל נישט געמאַכט קיין צוריקרוף אין קיין שום בית השחיטה אין די לעצטע זעכציג יאָר (לאָמיר נישט רעדן פון די גענידלטע טשיקנס אָדער די אַפּעריירטע קוען.) איז מזה ראי' אַז מען האָט נישט מער קיין נאמנות און סייעתא דשמיא.

גלוסט זיך צו פרעגן הויך, וואָס יעדער ליינער האָט זיכער שוין געפרעגט ביי זיך שטיל: איז נעלם געוואָרן די סייעתא דשמיא און נאמנות פון סאַטמאַר, צוליב דעם וואָס אַזאַ ביטערער מכשול ווי ווייצלעך אין די מצות האָט פּאַסירט בלויז אין די סאַטמאַרער מצה בעקעריי, נישט אין פּאַפּא-צעהלים מצה בעקעריי, נישט אין קערעסטירער מצה בעקעריי, נישט אינעם שאָצער בעקעריי, און אויך נישט ביי מאַנישעוויץ מיט אירע מאַשין-מצות וואָס לויט'ן הייליגען דברי חיים זי"ע איז עס חמץ גמור?

עס איז אַ דבר ידוע לרבים, אַז די באַרימטע מערכות הכשרות אין ארץ ישראל, וועלכע זענען אָנגענומען בכל תפוצות ישראל, האָבן שוין מער ווי איינמאָל צוריקגערופן פּראָדוקטן, טאַקע משום הא, ווייל זיי זענען ערנסטע און קראַנטע כשרות אָרגאַניזאַציעס וועלכע זענען עומדים על המשמר און אויב מען כאַפּט אַ מכשול וואָס איז געשען באונס, רופט מען גלייך צוריק דעם פּראָדוקט, וזה הודם ותפארתם. האָבן די גרויסע כשרות אָרגאַניזאַציעס פאַרלוירן דאָס נאמנות און סייעתא דשמיא? ניין און ניין. אדרבה, זייער צוטרוי ווערט דורכדעם פיל שטערקער ביים ציבור.

און אַז מען רעדט פון נאמנות איבער פלייש,

### סדר ליל אחרון של פסח

תתריא

שמו. הביאו לפניו המאכלים כמו בכל ימי החג, ובתוך המרק קניידלעך שנעשו מקמח מצות (א), ונטל חתיכת מצה ובעצמו נתנה לתוך המרק, ובשחל בשבת הקפיד שהרוטב יהי' בכלי שלישי, ונתן חתיכת מצה בהמרק) (ב) אח"כ הגישו לו בשר ועמו כרעמזליך וכן פערפיל עשויים מפירורי מצות, וחילק

---

ועיין בענין זה באריכות בשו"ת מנחת יצחק חלק ז' תשובה ל"ג, אמנם בנוגע להנזהרים כל ז' ימי הפסח לאכול רק מצה שמורה, ובאחש"פ אינם נזהרין הקיל גם המהרש"ם שם להכין מיו"ט לשבת, עפי"ד המג"א סי' תנ"ט סקי"ג בכלים שמתקנים בהם המצות וכו' וקשה האיך רשאי לאפותו ואפשר כיון דמדינא שרי באכילה רק שחומרא בעלמא הוא שלא לאכול לכן מותר לאפותו ובתשו' דובב מישרים (ח"א סי' מ"ט) כתב דהה"ד לענין מצה שרוי' יש להתיר, עיי"ש באריכות.

שמו. (א) עי' בספר מיכלא דאסוותא אות פ"ג שהי' מרגלא בפי הגה"ק מבוטשאטש זצ"ל באחרון של פסח לומר לטבול המצה ברוטב, ע"ש.

הוה עובדא בחוה"מ פסח דשנת תשל"ה, שנמצאו פירורי חטים שלא נטחנו לגמרי בהמצות שנאפו בבית האפיה דקהלתנו, ונתהוה מזה רעש גדול, וכאשר סיפרו לרבינו דברים כהוייתן צוה שיכריזו בשמו, כי בשנה ההיא אסור לאכול באחרון של פסח מצה שרויה (געבראקס).

אך דייני הקהילה ניסו למצוא פתח של היתר, יען פרסום הדבר גרם שיושבי קרנות המחפשים מומים ביהודים חרדים כבר החלו ללעוג מכל הענין באמרם שכך נראים פני החרדים המחמירים תמיד בכל דיני התורה מבלי להתפשר, ונוסף לזה גם מכתבי העת של הציונים למיניהם התלוצצו כדרכם לחרף ולגדף שומרי התורה הנאמנים, לזאת נטו כמה ת"ח ובתוכם דייני קהילתנו שיש לחפש איזה היתר על פי הלכה.

אבל רבינו עמד בתוקף על דעתו וסירב לשמוע מזה, וחזר על דבריו שיכריזו בשמו איסור על אכילת מצה שרויה באחרון של פסח, והוסיף לאמר שלא איכפת ליה כלל מה יאמרו אנשי הרחוב ומה יגידו ליצני הדור, כי בדקדוק הדין יש הרמת כבוד ה' ותורתו ואלו כבוד שלנו אינו כלום ואין עלינו לשמור עליו.

ורבינו אמר אז, כי עתה נתחוור לו היטב מדוע החמיר ק"ז מרן בעל ישמח משה זי"ע כל כך שלא לאכול מצות כלל מלבד בלילות הסדר כי אם אחרי הזהירות והחומרות הנהוגים בבית האפיה שלנו עדיין אפשר שיארע כזאת שימצאו במצות פירורי חטים, מובן מאד מנהגו של מרן בעל ישמח משה זצוקללה"ה.

ואף על פי שאירע באותה שנה מה שאירע, הלא לגבי המצות של רבינו לא היה שייך כל זה, משום שהחטים שלו נבררו אחת אחת ונטחנו ונאפו בכל ההידורים היותר אפשריים, לזאת הלך אחד מאנ"ש המקורבים בבית רבינו, והכין עבור רבינו קוגל מקמח מצות לכבוד אחרון של פסח כמו בכל שנה ושנה, וכאשר הובאו מאכלים אלה לשולחן רבינו בסעודת החג חרה הדבר לרבינו עד מאד, והוכיח את אנשי ביתו למה עשו כן, כי אם הוא אסר על כל הציבור לא יאות שהוא יורה לעצמו היתר אע"פ שכולם יודעים טוב מאד החילוק בין המצות שלו למצות כל הקהל, מכל מקום אם הוא אסר לאחרים לאכול

## אידישע איבערזעצונג פון מחזור דברי יואל לפסח, עמוד תתרי"א, אות שמ"ו, בד"ה הוה עובדא

עס איז געווען אַ געשיכטע אום חול המועד פּסח תשל"ה, אַז עס איז געטראָפן געוואָרן ווייץ ברעקלעך וואָס זענען נישט אינגאַנצן צעמאָלן געוואָרן אין די מצות וואָס זענען געבאַקן געוואָרן אין בעקעריי פון אונזער קהלה (סאַטמאַר), און עס איז געוואָרן פון דעם אַ גרויסער טומעל, און ווען מען האָט דערציילט פאַר רבינו די מעשה וויאַזוי עס איז געווען, האָט ער באַפוילן מען זאָל אויסרופן אין זיין נאָמען, אַז אין יענעם יאָר טאָר מען נישט עסן אום אחרון של פּסח געבראָקס.

אָבער די דיינים פון די קהלה האָבן פּרובירט צו טרעפן אַן עפענונג פון אַ היתר, ווייל דער פּרסום פון די זאַך האָט פאַראורזאַכט אַז די יושבי קרנות (ליידיגגייער) וועלכע זוכן פעלערן אין חרדישע אידן, האָבן שוין אָנגעהויבן שפּעטן פונעם גאַנצן ענין זאָגענדיג אַז אַזוי זעט אויס דאָס פּנים פון די חרדישע אידן וועלכע זענען שטענדיג מחמיר ביי אַלע דינים פון די תורה אָן קיין פּשרות, און אין צוגאָב צו דעם, האָבן אויך די ציוניסטישע צייטונגען למיניהם ליצנות געמאַכט, ווי זייער שטייגער צו לעסטערן און פאַרשעמען ערליכע שומרי תורה. צוליב דעם האָבן פילע תלמידי חכמים גענייגט, אַריינגערעכנט די דיינים פון די קהלה, אַז מען דאַרף זוכן אַ היתר על פּי הלכה.

אָבער דער רבי איז געשטאַנען ביי זיינ'ס מיט אַ שטאַרקייט און ער האָט נישט געוואָלט הערן דערפון, און ער האָט איבערגע'חזר'ט זיינע ווערטער אַז מען זאָל אויסרופן אין זיין נאָמען אַן איסור אויף בראָקען די מצה אום אחרון של פּסח, און ער האָט צוגעלייגט אַז עס אַרט אים אינגאַנצן נישט וואָס מענטשן פון די גאַס וועלן זאָגן און וואָס די ליצני הדור וועלן זאָגן, ווייל ווען מ'איז מדקדק אויף אַ דין והלכה ווערט דערמיט דערהויבן דעם כבוד פון אויבערשטן און זיין תורה, און ווידעראום אונזער כבוד איז גאָרנישט און מען דאַרף נישט היטן דערויף.

דער רבי האָט דעמאָלט געזאָגט, אַז איצט איז אים גוט קלאָר געוואָרן פאַרוואָס זיין הייליגער זיידע מרן בעל ישמח משה זי"ע האָט אַזוי שטאַרק מחמיר געווען נישט צו עסן קיין מצות אויסער די ערשטע צוויי נעכט ביים סדר, ווייל אויב נאָך די אַלע זהירות און חומרות וואָס זענען איינגעפירט אין אונזער מצה בעקעריי קען נאָך אַלץ פּאַסירן אַזוינס אַז מען זאָל טרעפן אין די מצות ווייץ ברעקלעך, פאַרשטייט מען גוט דעם מנהג פונעם ישמח משה זי"ע.

# די זעלבע ליצני הדור

אַז מיר האַלטן שוין ביים צווייטן מאמר, און כדי ס'זאָל נישט אויספעלן זיך אומצוקערן צו אַ דריטן מאמר, וועלן מיר אויסנוצן די געלעגנהייט אויפצודעקן פאַר תמימי לב וואָספאַראַ ליצנות און גוט שטיקל שפּאָט די זעלביגע ליצני הדור האָבן לעצטנס פאַרלאָזן אויף די מסירת נפש'דיגע מפרסם געווען.

די ליצני הדור פירן שוין עטליכע יאָר אַ העפטיגען קאַמפיין אַז טראָץ רביה"ק מרן בעל דברי יואל זי"ע איז שוין דרייסיג יאָר נישט בעלמא הדין, און טראָצדעם וואָס יעדער ירא שמים ובר דעת פאַרשטייט אַז במשך השנים ווערן נזנח כמה וכמה פונדאַמענטאַלע ענינים ביסודות הדת והיהדות והכשרות, און פונקט ווי קיינער וועט נישט זאָגן אַז מען זאָל זיך היינט פאַרלאָזן אויף די מסירת נפש'דיגע השגחה אויף בשר כשר פון הגאון הצדיק רבי יעקב יוסף זצ"ל דער רב הכולל פון ניו יאָרק, מער ווי הונדערט יאָר לאחר הסתלקותו, אַזוי פאַרשטייט יעדער אַז נאָך אַ תקופה פון עטליכע צענדליג יאָרן פעלט געוויס אויס פונדאָסניי מחזק צו זיין די יסודי היסודות און מתקן זיין די בדקי הבית ביי עניני כשרות והיהדות צו פאַרזיכערן אַז אַלעס פירט זיך כדת וכהלכה.

– טראָץ די אַלע תורה'דיגע און לאָגיש-פאַרשטענדליכע סברות, דאָך פירן די ליצני הדור שוין עטליכע יאָר אַ העץ-קאַמפּיין אַז יעדער חיזוק ותקנה בעניני כשרות, און ווער רעדט נאָך פון יעדע פרישע חומרא וואָס די גדולי התורה מדורות הקודמים האָבן געלעכצט דערצו, נאָר בימים ההם זענען נאָכנישט געווען די מעגליכקייטן וואָס השי"ת האָט יאָ געשאָנקען פאַר אונזער דור; די אַלע זאַכן, שרייען די ליצני הדור, זענען גאָר "שינויים". מען איז משנה פון דרך פון רבינו הקדוש והטהור זי"ע.

פרעגט מען, נאָר לשיטת הליצני הדור, האָט דער דיין הגה"צ רבי ישראל חיים מנשה פריעדמאַן שליט"א פאַרלוירן נאמנות איבער כשרות, ווען אונטער זיין נאָמען פאַרנאַרט מען קונדן און מען פאַרציילט זיי נישט דעם אמת, אַז בו בזמן וואָס דער דיין אַליין האָט געשריבן בכתב ידו אַז ער געט זיין השגחה אינעם 82 בוטשער נאָר ממליחה ואילך – וואָס דער פשט איז, נאָר אויפ'ן פלייש וואָס מען זאַלצט אינעם געשעפט פון 82 בוטשער, וואָס דאָס איז אַ נישטיגער פּראָצענט וואָס ווערט פאַרקויפט דורכ'ן 82 בוטשער – אין די זעלבע צייט אַנאָנסירט מען אין די צייטונגען און אין אַלע בוקלעטן און טעלעפאָן דירעקטאָריס אַז די גאַנצע פלייש פּראָדוקציע פון 82 שטייט אונטער די שטרענגע און שטענדיגע השגחה פונעם דיין שליט"א, ואין פוצה פה אָפּצולייקענען דאָס רמאות ושקרנות פון די אַנאָנסן. נעמט דאָס צו דאָס נאמנות וסייעתא דשמיא פונעם דיין שליט"א?

דער שרייבער פון די שורות וועט אויסדרוקליך נישט מכריע זיין, נאָר איבערלאָזן פאַר רבנים, דיינים און תלמידי חכמים שוקל זיין וואָס עס איז האַרבער: צו עסן מוסקאַווי קאַטשקע – אפילו עס זאָל זיין אַ ריינע מוסקאַווי, נישט אַ חשש פון אַ געמישטע מולאַרד – וואָס הגה"ק רבי שמואל סאַלאַנט זצ"ל דער ירושלימער רב ובית דינו הצדק האָבן מברר געווען אַז די מוסקאַווי איז מותר צו עסן, צי דער מכשול פון ווייצלעך אין די מצות וואָס דער מחבר און רמ"א אין שולחן ערוך או"ח ח"ג סימן תס"ז באַהאַנדלען שוין.

מיר זענען צו קליין צו באַשליסן וועלכע פּראָבלעם איז גרעסער אין הלכה, די ווייצלעך אין די מצות, אדער די עופות וואָס די ליצני הדור אסר'ן בפשטות עד כדי הכשרת כלים, טראָץ וואָס די ליצני הדור ווייסן אַז דער גרויסער גאון דער נצי"ב פון וואָלאָזשין זצ"ל האָט דאָס בפירוש מתיר געווען, ואתו עמו דער דברי מלכיאל זצ"ל; ווי אויך הגה"ק בעל דרכי תשובה ממונקאַטש זי"ע ברענגט צו דעם נצי"ב להיתר און דערמאַנט נישט די דברי האוסרים; און לויט'ן הייליגען אבני נזר זי"ע קומט אויך אַרויס קלאָר די הלכה אַזוי.

אָט די הכרעה ווען מיר איבערלאָזן פאַר די תלמידי חכמים און רבנים ודיינים וועלכע זענען מורה הוראה בישראל לאמיתה של תורה.

לויט'ן חידוש ומהלך פון די היינטיגע ליצני הדור, די נייע זעלבסט-געקרוינטע אויטאָריטעטן איבער נאמנות און סייעתא דשמיא, איז לכאורה נאָכנישט קלאָר איבער'ן סייעתא דשמיא און נאמנות פון ק"ק סאַטמאַר אין יאָר תשל"ה, צי מען האָט דאָס אָנגעוואוירן צי נישט. אָבער איין זאַך וועט יעדער קלאָר מודה זיין, אַז די מוציאים לאור שיחיו פון מחזור דברי יואל האָבן געהאַט אַ זעלטענע סייעתא דשמיא אַוועקצושטעלן אַ יסוד איתן לדורות הבאים, און איבערגעבן אַביסעלע היסטאָריע, ווען עס וועט זיך פאַרלאַנגען צו פאַרווירקליכן דעם "ענה כסיל כאולתו".

ואגב ובדרך צחות, מאַנכע פרעגן, ווער שרייבט דעם דאָזיגען אַרטיקל "די זעלבע ליצני הדור"? דער ענטפער איז זייער פשוט: די מוציאים לאור פון מחזור דברי יואל, די וועלכע האָבן געהאַט די זכי' צו נאָטירן לדורי דורות וואָס עס איז פאָרגעגאַנגען ביי די פּרשה פון די ווייצלעך אין די מצות, אָט די אידן האָבן דעם זכות אַז דאָס אַרטיקל ווערט געשריבן, וזכותם הגדול יעמוד להם.

*

קהל יטב לב דסאטמאר

קהל יטב לב ד'סאטמאר נתייסדה ע"י רבינו הגה"ק מהרי"ט ט"ב זצוקללה"ה בשנת תש"ח
בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

נתייסדה ע"י
כ"ק רבינו הקוה"ט זצוקללה"ה
בנשיאות
כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

יאכלו ענוים וישבעו

עס איז אונז א זכי' צו מעלדן פאר חברי קהלתינו חסידים ואנשי מעשה המדקדקים ומחמירים בכשרות, וכל הקהל הקודש:

**אז אין צוגאב** צו די געוועגליכע פליישן פון די מהודר'דיגע סאטמארער שחיטה, וועלכע איז נתייסד געווארן בעמל רב ובסייעתא דשמיא נפלאה ע"י כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זי"ע מיט 60 יאר צוריק -

האבן מיר ב"ה ערצייגט - אונטער'ן זעלבן סדר השחיטה - א ספעציעלע ליין

"קעלבער-גלאט"
בשר בהמה גסה

א זעלטענער פראדוקט מיט אן אויסערגעווענליכע הלכה'דיגע חשיבות

קעלבער-גלאט איז זייער א באגרעניצטע צאל העכסט-געקליבענע בהמות גסות וואס די בדיקת הריאה ווייזט אז זיי זענען גענצליך ריין פון רירים (סירכות) - אפילו אזעלכע וואס איז אנגענומען ביי די פוסקים אשר כל בית ישראל נשען עליהם אלס 100% כשר לכתחלה.

די מחמירים וואס זענען פילפאכיג מער נזהר בכשרות הבשר, וועלן אצינד

"קעלבער גלאט" מהו?
בהמה גסה, אחרי שנשחטה כדת וכהלכה, כשהשו"ב בודק הריאה ואינו מוצא עלי' "שום" סירכא או ריר, הרי היא בגדר "קעלבער גלאט".

ופירושו שכמו בעגלים ובסייחים (משא"כ בבהמות גסות) הריאה צריכה להיות חלק ממש בלי שום סירכא או ריר כמבואר ברמ"א ביו"ד סימן ל"ט סעיף י"ג, כמו"כ ישנם בבהמות גסות מספר מצומצם מאוד שנתברר ע"י הבדיקה שאכן אין בה "שום" סירכא או ריר, אף כאלו שאלל בהמות גסות נפסק להלכה להיות כשר לכתחלה.

והכוונה, אף שעפ"י הלכה ישנם סירכות או רירים שונים בבהמות גסות שכשרים אפילו לכתחלה, אמנם חסידים ואנשי מעשה מימים קדמונים היו מדקדקים לחזור דווקא אחר בשר שאין בה אף סירכות כאלו המותרים, רק מאותן שהם בגדר "קעלבער גלאט", ורק בשר כזה עלתה על שלחנם לכבד את השבת וימים טובים בבשר בהמה.

בחסדי השי"ת עלתה לנו להמציא למחמירים בימינו בשר בהמה קעלבער גלאט כזה!

בתכלית הכשרות

די גאנצע פראדוקציע פון אונזערע פליישן, סיי בהמות סיי עופות, אנגעהויבן פון מינוי השוחטים וסדר השחיטה, הבדיקה, הניקור, המליחה - ביז נאכ'ן פארפאקונג/פארקויפונג
שטייט אונטער די שטרענגע און שטענדיגע השגחה פון
הגאון הצדיק הראב"ד שליט"א
ואתו עמו הגה"צ רבי חיים דוד כ"ץ שליט"א
חבר הביד"ץ ודומ"ץ קהלתינו בארא פארק יע"א

– פאלגט נאך אונזערע ווייטער'דיגע מעלדונגען –

הנהלת הקהלה

נ.ב. די קעלבער-גלאט פליישן זענען שוין פאראן צו באקומען אין אונזערע וויליאמסבורגער פלייש יאטקעס, אונטער די בוכשטאבן: KELBER GLATT

אונזערע געווענליכע מהודר'דיגע פליישן, ווערן ווייטער ערצייגט און פארקויפט כמקדמת דנא, בלי שום שינוי והתחכמות

Friday, January 29, '10 DER YID - 16 - דער איד ש"ע

# די זעלבע ליצני הדור



"קעלבער גלאט" מהו? בהמה גסה, אחרי שנשחטה כדת וכהלכה, כששהשו"ב בודק הריאה ואינו מוצא עלי' "שום" סירכא או ריר, הרי היא בגדר "קעלבער גלאט".

ופירושו שכמו בעגלים ובסייחים (משא"כ בבהמות גסות) הריאה צריכה להיות חלק ממש בלי שום סירכא או ריר כמבואר ברמ"א ביו"ד סימן ל"ט סעיף י"ג, כמו"כ ישנם בבהמות גסות מספר מלומלם מאוד שנתברר ע"י הבדיקה שאכן אין בה "שום" סירכא או ריר, אף כאלו שאלל בהמות גסות נפסק להלכה להיות כשר לכתחלה.

והכוונה, אף שעפ"י הלכה ישנם סירכות או רירים שונים בבהמות גסות שכשרים אפילו לכתחלה, אמנם חסידים ואנשי מעשה מימים קדמונים היו מדקדקים לחזור דווקא אחר בשר שאין בה אף סירכות כאלו המותרים, רק מאותן שהם בגדר "קעלבער גלאט", ורק בשר כזה עלתה על שלחנם לכבד את השבת וימים טובים בבשר בהמה.

בחסדי השי"ת עלתה לנו להמציא למחמירים בימינו בשר בהמה קעלבער גלאט כזה!

אבער פאַר צוויי וואָכן צוריק האָבן די ליצני הדור געלאָזט פאַלן אַ באָמבע, אַזוינס וואָס אפילו אין עולם הליצנות איז דאָס געווען אַן אַטאָם-באָמבע.

אין אַ באָמבאַסטישע מעלדונג אין "דער איד", אונטער אַ שרייעדיגען קעפל "יאכלו ענוים וישבעו", האָט דער כת הולכים בערכאות העולמי אַנאָנסירט לטובת זייער 82 בוטשער, די העכסט מורא'דיגע אויסערגעוועהנליכע פריידיגע בשורה, אַז מען קען שוין באַקומען אין זייער 82 בוטשער "קעלבער-גלאַט" רונדערן פלייש, וואָס אין לשון הקודש רופט זיך דאָס "שחיטת בית יוסף".

ווער עס האָט אָפּגעליינט די מעלדונג אין "דער איד", שפּירט זיך זיכער געטראָפן וויאַזוי די ליצני הדור קענען "פּעקעדזשן" אַ מעלדונג מיט אַזויפיל ביליגע ליצנות, קונצליך-באַהאַלטענע און אָפענע סתירות, און "קעלבער-גלאַט-אָפּגעשפּעט" פון די ליינער און די קונדן.

הויבן הויבט עס אָן דערציילן, אַז "עס איז אַ זכי' צו מעלדן, אַז אין צוגאָב צו די געוועהנליכע פליישן פון די סאַטמאַרער שחיטה וועלכע איז נתייסד געוואָרן בעמל רב ובסייעתא דשמיא נפלאה ע"י כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זי"ע מיט 60 יאָר צוריק, האָבן מיר ב"ה ערצייגט – אונטער'ן זעלבן סדר השחיטה – אַ ספּעציעלן ליין וכו'".

הייסט אַזוי. נאָך זעכציג יאָר וואָס טראָץ דער עמל רב און סייעתא דשמיא נפלאה איז פאָרט נישט געלונגען צוצושטעלן קעלבער-גלאַט, איז עס איצט אין תש"ע יאָ געלונגען. טיפער גערעדט, טוען די ווערטער געהעריג אָפּ'חוזק'ן פון אַלעם ביז אַהער, אַז ביז איצט איז די שחיטה געווען נאָר "בסייעתא דשמיא נפלאה", אבער איצט איז עס "בסייעתא דשמיא פלאי פלאים"...

אבער אין די מודעה באַוואָרנט מען זיך תיכף ומיד, אַז נישט חלילה איינער זאָל קלערן אַז מען איז משנה, וואָרום פאַרגעסן טאָר מען נישט אַז תיקונים וחומרות זענען שינויים. נאָר דער נייער קעלבער-גלאַט איז ווייטער "אונטערן זעלבן סדר השחיטה".

אבער די סתירה אינעם מודעה איז ממש מיני' ובי', פון איין שורה צום צווייטן. ווייל דאָ קומט די מודעה אָן צום עיקר ציל, אַז מיר האָבן ערצייגט "קעלבער גלאַט – בשר בהמה גסה, אַ זעלטענער פּראָדוקט מיט אַן אויסערגעוועהנליכע הלכה'דיגע חשיבות".

איז דאָך די סתירה שטוינענד:

אויב אַלעס איז ווייטער אונטער דעם זעלבן סדר השחיטה פון די לעצטע 60 יאָר וואָס רביה"ק זי"ע האָט איינגעפירט בעמל רב ובסייעתא דשמיא נפלאה, וויאַזוי שיקט זיך דאָס אַז אין די זעכציג יאָר האָט די סייעתא דשמיא נפלאה נישט געפונען פאַר וויכטיג צו פּראָדוצירן קעלבער-גלאַט, און אין תש"ע האָט די סייעתא דשמיא דאָס יאָ צוגעשטעלט? דאָס איז דאָך אַ שרעקליכער שינוי והתחכמות. איז עס נישט?

איידער מיר גייען ווייטער, איז וויכטיג זיך אָפּצושטעלן אויף אַ מינוטקעלע און ערקלערן אויפ'ן שפּיץ גאָפּעל וואָס מען באַהאַלט דאָ אונטערן נאָמען "קעלבער גלאַט", וואָס פּילייכט זענען נישט אַלע ליינער באַקאַנט דערמיט.

דער סדר ביי די היימישע שחיטות איז, אַז פון קעלבער (בהמה דקה) עסט מען נאָר די בהמות וואָס די לונגען זענען גלאַט גלאַט, אָן די מינדעסטע סירכא, אַזוויוי דער רמ"א שרייבט אין שו"ע יו"ד. ווידעראום ביי רונדערן (בהמה גסה) אויב מאַכט זיך אַ פּיצינקע סירכא, אדער שפּייעכץ, נעמען מיר אָן, אַלס יוצאי בני אשכנז, ווי דער רמ"א וואָס שרייבט אַז במדינות אלו נוהגין להתיר, ווי דער ראַ"ש שרייבט שוין אַז דאָס איז דער מנהג אשכנז.

אבער ביי די ספרדים וועלכע נעמען אַלץ אָן להלכה ווי דער בית יוסף, פירט מען זיך אויך ביי רונדערן פלייש צו עסן נאָר וואָס איז גלאַט גלאַט, פּונקט ווי מיר טוען ביי קעלבער. צו טרעפן ביי רונדערן אַ גלאַט-גלאַטע בהמה איז זייער שווער, און דערפאַר איז דאָס אַ זעלטענער אַרטיקל וואָס קאָסט זייער טייער. אבער די ערליכע ספרדים זענען זייער מקפיד דערויף.

אין אַנדערע ווערטער, "קעלבער-גלאַט" ביי בהמה גסה, איז אייגענטליך "שחיטת בית יוסף" וואָס איז אָנגענומען ביי די ספרדים מאז ומקדם. ווידעראום ביי אונז אשכנזים, וואו מען פּסק'נט אַלץ ווי דער רמ"א, האָט מען נישט אַזוי אָנגענומען.

וואָס מיר האָבן דאָ אַרויסגעשריבן אָפּן, שטייט אינעם קעלבער-גלאַט מודעה אין גאָר געקונצלטע ווערטער, ווי פאָלגנד: "קעלבער-גלאַט איז זייער אַ באַגרעניצטע צאָל העכסט-געקליבענע בהמות גסות וואָס די בדיקת הריאה ווייזט אַז זיי זענען גענצליך ריין פון רירים\סירכות – אפילו אַזעלכע וואָס איז אָנגענומען ביי די פּוסקים אשר כל בית ישראל נשען עליהם אַלס 100 פּראָצענט כשר לכתחילה".

אין היימיש-גערעדט-אידישע איבערזעצונג: טראָץ דעם וואָס דער רמ"א, וואָס כל בית ישראל נשען עליו, שרייבט אַז די פּיצינקע סירכות איז 100% כשר לכתחילה, דאָך שטעלן מיר צו קעלבער-גלאַט וואָס איז דאָ אין זייער אַ באַגרעניצטע צאָל (לייען: שחיטת בית יוסף).

ווען די באָמבאַסטישע מודעה זאָל זיין אויפריכטיג מיט אירע ליינער\קונדן וואָלט די מודעה געדאַרפט דערציילן בערך אַזוי: בשורה טובה, די באַקאַנטע שחיטת בית יוסף וואָס מען קען שוין צענדליגער יאָרן באַקומען אין אַלע געשעפטן אין פלעטבוש און אין דיעל, ניו דזשערזי, קען מען שוין איצט אויך באַקומען אין אונזער פלייש געשעפט.

אבער דאָ קומט די מודעה דערציילן פאַר וועמען די קעלבער-גלאַט ווערט צוגעשטעלט:

"די מחמירים וואָס זענען פּילפּאַכיג מער נזהר בכשרות הבשר, וועלן אַצינד קענען געניסן פון בשר בהמה לכבוד שבת ויו"ט אָן קיין שום צוריקהאַלט."

אין אין דער זייט, אונטן, אין אַ רונדיגען קעסטעלע, שטאַרט אַרויס די פריידיגע ערשיינונג, "בחסדי השי"ת עלתה לנו להמציא למחמירים בימינו בשר בהמה קעלבער גלאַט כזה!"

ד.ה. אַזוי: אַז די מחמירים בימי רבינו הדברי יואל זי"ע האָבן נישט זוכה געווען דערצו. די מחמירים בימי רבינו הברך משה זי"ע האָבן נישט זוכה געווען דערצו. דער שאַרמאַשער רב זצ"ל האָט נישט זוכה געווען דערצו. דער שאָפּראָנער רב זצ"ל האט נישט זוכה געווען דערצו. דער קאָפּישער רב זצ"ל האָט נישט זוכה געווען דערצו. רבי יחזקאלע מערץ זצוק"ל האָט נישט זוכה געווען דערצו. דער אַראַדער רב זצ"ל האָט נישט זוכה געווען דערצו. די אַלע האָבן נישט זוכה געווען דערצו. אָבער דוקא די "מחמירים בימינו" האָבן יאָ זוכה געווען צום "סייעתא דשמיא פלאי פלאים."

אבער חלילה וחס, נישט פאַרגעסן. מען איז דאָ גאָרנישט משנה. דאָס זענען דאָך אידן וואָס פאַרשרייען חומרות ותקנות ווייל "מען טאָר נישט זיין קלוגער פון די פריערדיגע". איצט האָט מען מגלה געווען אַ נייעם באַגריף. נאָר פשוטע אידן טאָרן נישט זיין פרומער. אבער די "מחמירים בימינו" די מעגן יאָ.

אַ מקום חשוב אינעם מודעה פאַרנעמט אַ ברייט קעסטעלע, וואָס ערקלערט די פראַגע "קעלבער גלאט מהו?" און כדי עס זאָל אויסזען כאילו מען ציטירט דאָ אַ ראשון אדער אַן אחרון אדער איינעם פון די פּוסקים איז די קעסטעלע געשריבן אין לשון הקודש. און כדי נאָך מער צו פאַרגרעסערן די אילוזיע אין די אויגן פון נאַאיווע ליינער, האָט מען געשריבן דעם ערשטן זאַץ אין אותיות מרובעת, און די קומענדיגע צוויי זאַצן אין רש"י אותיות, צו שאַפן דעם איינדרוק כאילו מען ציטירט דאָ אַ מחבר און די נושאי כלים.

און דאָס ליצנות גייט נאָך ווייטער. די רש"י אותיות האָבן קודם אַ "פירוש" און דערנאָך אַ "כוונה", צו מאַכן אַ רושם פאַר די ליינער, כאילו די אותיות מרובעת איז דער טור, און די אותיות רש"י דער בית יוסף, און דער בית יוסף ציטירט אַ ריב"ש און איז עס דערנאָך מפרש...

פאַקטיש איז דער מרובעת און רש"י אַלעס געשריבן דורכ'ן זעלבן בוטשער-שרייבער, אין זיין אייגענעם לשון ממש, וועלכער זוכט צוריקצוברענגען די קונדן נאָכדעם וואָס מ'האָט דייקא יאָ געהערט דעם שינוי והתחכמות און דאָס הפקרות אויפ'ן גאַנצן סדר השחיטה.

שרייבט דער גאון בעל הבוטשער אין לשון הקודש ווי פאָלגענד (אין אידישע איבערזעצונג): טראָץ עפ"י הלכה זענען דאָ סירכות אדער שפּייעכץ ביי בהמות גסות (רינדערן) וואָס זענען כשר אפילו לכתחילה, אבער חסידים ואנשי מעשה פון די פריערדיגע צייטן האָבן מדקדק געווען צו עסן דוקא פלייש וואָס האָט נישט אפילו פון די סירכות וואָס זענען מותר, נאָר פון די וואָס זענען בגדר 'קעלבער גלאט', און נאָר אַזאַ פלייש איז אַרויפגעקומען אויף זייער טיש מכבד צו זיין דעם שבת און ימים טובים מיט בשר בהמה".

דאָ שטעקט ווייטער דאָס ביטערע ליצנות. הייסט, נאָר די מחמירים בימינו קומען צו צום שטאַפּל פון "חסידים ואנשי מעשה מימים הקדמונים". אבער די מחמירים פון פריערדיגען דור וועלכע האָבן גע'שמ'ט אַלס מדקדקים בקלה כבחמורה על כל פרט ופרט, אַזעלכע אידן ווי ר' מרדכי ראָטה ז"ל, ר' שלמה גפן ז"ל, ר' מעכעלע נויפעלד ז"ל, ר' אברהם שמואל גוטמאַן ז"ל, ר' יהושע ארוך (גפן) ז"ל, הרב ר' אהרן טייטלבוים ז"ל, די אַלע ערליכע חסידים בני עלי', האָבן נעבעך געהאַט אַ צעשטערטן שמחת יום טוב.

למען האמת מוז באַטאָנט ווערן, אַז אוודאי זענען אַלעמאָל געווען ערליכע אשכנזישע און חסידישע אידן וואָס האָבן פאַר זיך מחמיר געווען און נישט געגעסן נאָר וואָס איז גלאַט גלאַט. אבער די אידן האָבן אַלע יאָרן געגעסן קעלבערנע פלייש. דאָס איז געווען די "אָנגענומענע פרומע פלייש" וואָס שטאַרקע מחמירים עסן נאָר דאָס. די מחמירים האָבן כמעט נישט געגעסן קיין רונדערן פלייש, ווייל צו טרעפן ביי רונדערן אַ גלאַט-גלאַט בהמה איז אויסטערליש שווער.

אַזוי איז געווען נאָך אינדערהיים, מיט הונדערט און צוויי הונדערט יאָר צוריק, און אַזוי איז געווען אויך דאָ אין אַמעריקע אַלע יאָרן. די מחמירים מן המחמירים האָבן אויך דאָ אין אַמעריקע געהאַט גלאַט גלאַטע בשר בהמה דקה אויף יום טוב.

(ואגב, איין זאַך אויף וואָס ערליכע אידן אינדערהיים האָבן יאָ מקפיד געווען איז: שחיטה מונחת! און נישט דוקא מחמירים מן המחמירים, נאָר יעדער ערליכער איד האָט אויף דעם מקפיד געווען. דאָס איז געווען דער אָנגענומענער סדר השחיטה בכל תפוצות ישראל. נאָר דאָ אין אַמעריקע מיט צענדליגער יאָרן צוריק, ווען די דעמאָלטדיגע שחיטה מונחת האָט געברענגט מכשולות, האָט מען דאַן איינגעפירט שחיטה עומדת וואָס איז געווען אַ תיקון גדול בימים ההם, ווען ס'איז נישט שייך געווען קיין בעסערער וועג וויאַזוי דורכצופירן שחיטה מונחת.)

ווי מאָדנע איז אָנצורופן די געברויכער פון "קעלבער גלאַט בשר בהמה גסה" אַלס "מחמירים בימינו", ווייל נאָר אַזוי קענען זיי האָבן אַ שמחת יום טוב, למהדרין מן המהדרין. כאילו רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע האָט נישט געהאַט קיין שמחת יו"ט און נישט מקיים געווען דעם "אין שמחה אלא בבשר" מיט די קעלבערנע פלייש (בשר עגל, בהמה דקה).

זאָל זיך קיינעם נישט דאַכטן אַז מען פאַרגינט נישט פאַר די מחמירים בימינו אַ פיין שטיקל סטעיק קעלבער גלאַט. אבער פאַר דעם דאַרף מען נאָכנישט פאַרנאַרן דעם ציבור און איינרעדן מי יודע וואָספאַראַ דערגרייכונג מען האָט דאָ דערלעבט, אַז עס פאַרלאַנגט זיך אַזאַ מודעה אויף צוויי גאַנצע זייטן און כאילו ערשט יעצט ווערט פאַרווירקליכט דער יאכלו ענוים וישבעו.

איז מען דאָ גאָרנישט משנה? מרן רביה"ק הדברי יואל זי"ע האָט אויך געקענט אין זיינע יאָרן אין אַמעריקע, פון תש"ז ביז תשל"ט, לאָזן פאַר זיך שעכטן אַ בהמה גסה (רונדערן) מיט קעלבער-גלאַט חומרות און לאָזן דעם איבעריגען ציבור עסן די בשר בהמה וואָס איז נישט קעלבער גלאַט, ווי עס איז איינגעפירט אין די סאַטמאַרער בוטשערן אין די לעצטע 60 יאָר.

נו, אויב דער רבי זי"ע האָט דאָס נישט געטון, וויאַזוי וואַגט מען זיך היינט? וואָס טוט זיך דאָ מיט "שינויים"?

אַ וואָרט מעג אויך געשאָנקען ווערן פאַר אַן אַנדערן פּראָמינענטן קעסטל אין די מודעה, אונטער'ן קעפל "בתכלית הכשרות", ווי פאָלגענד:

"די גאַנצע פּראָדוקציע פון אונזערע פליישן, סיי בהמות סיי עופות, אָנגעהויבן פון מינוי השוחטים וסדר השחיטה, הבדיקה, הניקור, המליחה – ביז נאָכ'ן פּאַרפּאַקונג/פּאַרקויפונג, שטייט אונטער די שטרענגע און שטענדיגע השגחה פון הגאון הצדיק הראב"ד שליט"א, ואתו עמו הגה"צ רבי חיים דוד כ"ץ שליט"א חבר הביד"צ ודומ"ץ קהלתינו באָראָ פּאַרק יע"א".

געוואַלד. תסמר שערות אנוש. בו בזמן ווען דער דיין שליט"א אַליין האָט געשריבן בפירוש – און עס איז לאַנגע יאָרן געהאָנגען אויפ'ן וואַנט פונעם 82 בוטשער ביז די פּאָליטיק פונעם בוטשער האָט דיקטירט אַנדערש – אַז זיין השגחה איז אויסדרוקליך אך ורק "ממליחה ואילך", און ער האָט זינט דאַן קיינמאָל נישט געשריבן אַנדערש – קומען די בעלי הבוטשער און שעמען זיך נישט צו שרייבן דעם אָפּענעם ליגנט?

יעדער בר דעת פאַרשטייט אַז אַלעס וואָס מיר שרייבן דאָ איז נאָר לשיטתם, נאָך דעם פרעכן שקר וואָס מען שרייבט איבער און איבער נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל שלא בידיעתו וכנגד הוראתו המפורשת פון הגה"צ רבי יח"מ פריעדמאַן שליט"א, וועלכער האָט געשריבן בכתב ידו אַז זיין הכשר איז נאָר ממליחה ואילך, להוציא מלבם פון די וואָס מיינען אַז זיין השגחה איז אויף די גאַנצע שחיטה.

אָבער פון די ליצני הדור לאָמיר טאַקע פרעגן לשיטתם ולשקרם, לויט ווי זיי שרייבן אַז "די גאַנצע פּראָדוקציע פון די 82 פליישן, סיי בהמות סיי עופות, אָנגעהויבן פון מינוי השוחטים וסדר השחיטה, הבדיקה, הניקור, המליחה שטייען אונטער זיין "שטרענגע" און "שטענדיגע" השגחה: אדרבה, וועלכן רב אדער דיין קען מען

# די זעלבע ליצני הדור

פרעגן די פאָלגענדע שאלות: ווער זענען די 82 בוטשער שוחטים ביי עופות, און ווער זענען די 82 בוטשער שוחטים ביי בהמות? ווער זענען געווען די 82 בוטשער שוחטים ביי די בהמות פון די 60 יאָר, און ווער זענען די 82 בוטשער שוחטים ביי בהמות פון תש"ע, די קעלבער גלאַט?

וועלכן רב אדער דיין קען מען פרעגן: ווער זענען די שוחטים אין קאַנאַדא, ווער זענען די בודקים אין ניו דזשערזי, ווער זענען די מנקרים אין שיקאַגאָ אָדער אורוגוויי און ווער זענען די מולחים אין פענסילוועניע?

וועלכן טאָג האָט מען אָנגעהויבן שעכטן דעם ספעציעלן ליין פון "קעלבער גלאַט" בשר בהמה גסה? וועלכן טאָג איז מען אַהינגעפאָרן? מיט וועלכע לופטליניע?

ווייזט אויס אַז זיי האָבן געוואוסט אַז אַזאַ שקר מען קען נישט גלאַט אַזוי דורכגליטשן, און האָבן זיך דערפאַר באַוואָרנט און צום ערשטן מאָל אַריינגערוקט אַ "ואתו עמו".

וויל מען פרעגן די ליצני הדור: דער ואתו עמו מיינט אויפ'ן זעלבן שטאַפל ווי דער דיין שליט"א ממש? אדער מיינט דער ואתו עמו אַלס געהילף און איר ווילט ווייטער תולה זיין בוקי סרוקי אינעם דיין שליט"א און ווייטער פאַרקויפן דעם שקר אַז ער איז דער שטרענגער און שטענדיגער בעל השגחה אויף די גאַנצע פראָדוקציע פון די 82 פליישן?

די ליצני הדור מאַכן ליצנות פון רבי'ן זי"ע, פון הגה"צ דער דיין שליט"א און פון זייער אייגענעם ציבור מיט פאַרקויפן אַזעלכע באָבקעס.

און כדי מסיים צו זיין מיט אַ דבר צחות, ליינט זיך די אונטערשטע ליניע פון די מודעה "אונזערע געוועהנליכע מהודרדיגע פליישן, ווערן ווייטער ערצייגט און פארקויפט כמקדמת דנא, בלי שום שינוי והתחכמות".

נישטאָ ווער ס'זאָל לאַכן פונעם וויץ פון יאָר-הונדערט.

"בלי שום שינוי והתחכמות"? ממש?

אויפהערן נוצן "שטיין זאַלץ" וואָס די גרעסטע פוסקים מדור הקדום ברענגען צו אַז מליחה מיט שטיין זאַלץ איז געווען דעת קדשו פון רבי'ן זי"ע – איז קיין שינוי.

צו פאַרקויפן פאַר די קונדן אַז ים-זאַלץ פון מדינת ישראל איז אַזוי גוט ווי שטיינזאַלץ פון אַמעריקע – איז קיין התחכמות.

אויסבאַהאַלטן דעם שינוי פונעם אייגענעם עולם גולם קונדן – איז קיין התחכמות.

ווער רעדט נאָך פונעם ליצי לצנות, ליידער, פון רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע, וואָס די לצים זאָגן אַז אויב דער רבי זי"ע וואָלט נאָך געלעבט היינט וואָלט ער מסכים געווען צו אַנדערע זאַלץ אויסער שטיין-זאַלץ. אָט די לצים האָבן דעם זעלבן פנים ווי די יעניגע וועלכע האָבן געזאָגט נאָך די צווייטע וועלט מלחמה, אַז ווען הגה"ק המנחת אלעזר ממונקאַטש זי"ע וואָלט געלעבט ביז נאָך די מלחמה, וואָלט ער זיכער גע'כשר'ט ציונות און מסכים געווען צו די ציוניסטישע מדינה...

נישט דערציילן קיין שום פרטים פאַר די אייגענע קונדן מנן ומאן, פון וואַנעט קומען די סחורה אינעם בוטשער; פון וואו אַלץ ווערט צונויפגעקליבן דער אספסוף פון ניו דזשערזי, פענסילוועניע, קאַנאַדאַ, שיקאַגאָ, ניו יאָרק, אורוגוויי, און ווער ווייסט פון וואו נאָך – דאָס איז נישט קיין התחכמות אויפ'ן רצון פונעם מייסד הקהלה.

ועל כולם, דאָס ליצי לצנות וואָס מען מאַכט פון אייגענעם ציבור מיט די גרויסע סתירה, אַז בו בזמן ווען די לעצטע שורה איז מדייק "כמקדמת דנא בלי שום שינוי והתחכמות", זאָגט גאָר דער גאַנצער ריזיגער אַנאָנס אַז נאָך זעכציג יאָר, איז געלונגען צו ערצייגן אַ ספעציעלע ליין פאַר די מחמירים בימינו, אַ חומרא וואָס האָט נישט עקזיסטירט אין די גאַנצע זעכציג יאָר.

עס שיינט ווי די לצים פון די מודעה גלויבן אַז מען האַנדלט דאָ טאַקע מיט "גלאַטע קעלבלעך", פאַר וועמען מען קען פאַרקויפן די גרויסע מעלות פון קעלבער-גלאַט בשר בהמה גסה נאָך זעכציג יאָר, און אין די זעלבע צייט פאַרקויפן אַז עס איז "ח"ו" נישט פרומער און בעסער פון פריער.

וואָס איז טאַקע פשט פון דעם זויערן ליצנות?

די ליצני הדור, זעענדיג ווי אַלע ערליכע קהלות שטייען פעסט און געטריי צום בית השחיטה המהודרת דקרית יואל, אַלע ערליכע רבנים ודיינים זוכן דוקא די סחורה פונעם בית השחיטה המהודרת; עס איז דאָס מערסטע פאַרלאַנגטע בשר עוף ביי אידן מדקדקים בכשרות למהדרין מן המהדרין, האָבן אונטערגענומען אַ קאַמפיין איר מבאיש ריח צו זיין, כדי צו הייבן די הכנסה ביי די אספסוף בוטשערן.

כדי צו פאַרווישן די אומדערציילבאַרע שינויים וועלכע זענען אַרויסגערינען לאור פון שטיין-זאַלץ וכו', און די פלייש-כאַפעריי מכל הבא לידו, האָבן די ליצני הדור, און עקספערטן אויף נאמנות און סייעתא דשמיא, אויפגעבויט כרכים גג על גג וועמען מען קען געטרויען און וועמען נישט.

ולסיום, איז כדאי צו ברענגען אַן עובדא פונעם חזון איש זצ"ל, געבריינגט אין ספר "פאר הדור", אַז אַמאָל האָט אַ תלמיד חכם שטאַרק אויסגערימט פאַר'ן חזון איש אַ געוויסן משגיח פון אַ ישיבה, אַז יענער משגיח איז אַן אמת'ער גדול, ער זאָגט אַזעלכע טיפע שמועסן, אַזעלכע געהויבענע געדאַנקען, נאָר איין חסרון האָט יענער, אַז ווען עס קומט צו זיינע פערזענליכע נגיעות, זיינע אייגענע אינטערעסן, ווערט ער אינגאַנצן פאַרלוירן.

האָט דער חזון איש זצ"ל זיך אָנגערופן בזה"ל: "ווען דו זאָלסט דערציילן אויף אַן אמת'ן גדול בישראל אַז ער איז אַמאָל דורכגעפאַלן מיט אַ מכשול, ווערט ער נאָכנישט דערמיט אויס גדול. ווייל דורכפאַלן קען יעדער. אבער פערזענליכע נגיעות, דאָס איז אַ זאַך וואָס אַ מענטש האָט 24 שעה אַ טאָג. און אויב קען יענער נישט קאָנטראָלירן זיינע פערזענליכע נגיעות, וויאַזוי קען מען אים רופן גדול? דאָס מיינט דאָך אַז 24 שעה אַ טאָג האָט ער נישט קיין שליטה אויף זיך."

ולעניננו, אַז עס האָט זיך געטראָפן אַן ערעור אונס אין אַ בית השחיטה, פאַרלירט מען נאָכנישט קיין נאמנות דערמיט. אַ דורכפאַל, אַן אונס, קען פאַסירן ביי יעדן. ביים גרעסטן גדול און ביים די אויסגעהאַלטנסטע פירמע.

אבער די ליצני הדור וועלכע ווייקן זיך אין פאָליטיק בכל גופם ונפשם 24 שעה אַ טאָג, די ליצני הדור וואָס זייערע פערזענליכע נגיעות און אייגענע אינטערעסן האָט זיי שוין געמאַכט טוישן זייערע מיינונגען און דעות מקצה אל הקצה אומצאָליגע מאָל, אַלעס לויט וויאַזוי די פאָליטיק און די אינטערעסע דיקטירן אין יענעם מאָמענט, וואָספאַראַ נאמנות און סייעתא דשמיא האָבן זיי?

---

Cong. Yetev Lev D'Satmar

קהל יטב לב ד'סאטמאר

163 Rodney Street • Brooklyn NY 11211 • Tel. (718) 302-6720 • Fax: (718) 302-4447

בס"ד

## ואלה המשפטים אשר תשים לפניהם

אין די איצטיגע וואָך, ווען די קריאה איז מעורר הזמן, קומען מיר נאָכאַמאָל בכל לשון של בקשה צום כת הולכים בערכאות העולמי ובג"ץ הציוני

## ביטע שטעלט אייך צו דין תורה ביי אַ בית דין המרוצה לשני הצדדים או בזבל"א

והכל על מקומו יבא בשלום

### בלויז אין די לעצטע צוויי יאָר אַליין, האָט איר זיך שטאַרק איבערצייגט אַז העברת פי ה' היא לא תצלח.

- מערערע מאָל אין די לעצטע צוויי יאָר זענט איר געגאַנגען אין געריכטן שלא ברשות בית דין ובלי הזמנה אחת לדין תורה, איבער וויליאַמסבורג, באָראָ פאַרק, קרית יואל, און אַלעמאָל מיאוס פאַרלוירן.
- פאַרלוירן די וויליאַמסבורגער קעיס ביי ריכטער אַמבראָזיאָ, און פאַרלוירן אין אַפעלאַט געריכט ביים אַפעלירן ריכטער אַמבראָזיא'ס אורטייל.
- פאַרלוירן די באָראָ פאַרקער קעיס ביי ריכטערין דעמאַראַסט.
- פאַרלוירן דעם קעיס פון די 9 הולכים בערכאות קעגן הנהלת קהל יטב לב דסאטמאר און קעגן הנהלת חברה קדישא ביי ריכטערין דעמאַראַסט.
- פאַרלוירן די קעיס ביי די רביצינ'ס הויז אין קרית יואל ביי ריכטער אָוענס, און פאַרלוירן אין אַפעלאַט געריכט ביים אַפעלירן ריכטער אָוענס' אורטייל.
- אין די לעצטע צוויי יאָר האָט מען אייך פון הימל געפירט צו אַן עולם הפוך: אָפּשפּאַרן אַ בית המדרש נאָך דרייסיג יאָר, און עפענען אַ בית החיים ה"י, אַלעס צוליב אייער עקשנות פון השתמטות מדין תורה.
אין די זעלבע צייט זענט איר מחלל שם שמים ברבים אינעם ציוניסטישן בג"ץ באופן נורא מאוד.

**אנא תבא לפניכם אנקתינו, שטעלט אָפּ דעם חילול ה' און די גזירות נוראות ר"ל, און זייטס מקיים דעם פסוק פון די וואָכעדיגע סדרה: ואלה המשפטים אשר תשים לפניהם, לפניהם ולא לפני עכו"ם.**

והעושה שלום במרומיו הוא יעשה שלום עלינו ועל כל ישראל ואמרו אמן.

יום ד' לסדר "ואלה המשפטים" תש"ע לפ"ק

**הנהלת הקהלה**



# וואו איז דער דאַטום פאַרשווינדן?

אינטערנעט-מלקט דאָנערשטאג פּרשת בא אין "דער איד", און באַלד צוויי וואָכן שפּעטער, דינסטאָג פּרשת יתרו, האָט דער אינטערנעט-מלקט פאַרשפּרייט אויפ'ן אינטערנעט זיין ערהאַלטענע לאַבאַראַטאָריע רעזולטאַטן בריוו.

וואָס שרייבן די לאַבאַראַטאָריע מומחים, פאַר וועמען דער אינטערנעט מלקט האָט געשאָנקען דאָס גאַנצע נאמנות עדות צו זאָגן אויף די קאַטשקע וואָס ער האָט געשיקט פאַר זיי, וואָס ער האָט לויט זיין ווערסיע געקויפט פונעם בית השחיטה המהודרת דקרית יואל; וואָס זאָגן די מומחים?

דער לאַבאַראַטאָריע שרייבט צוריק אין קורצע ווערטער:

"דער די-ען-עי אַנאַליז אויף די קאַטשקע פלייש וואָס מ'האָט אונז אַריינגעשיקט, געקויפט פון קרית יואל פּאָלטרי, ציגט אַז דער דאָזיגער פלייש קומט אָדער פון אַ ריינע מוסקאווי, אָדער פון אַ געמישטע מוסקאווי עוף."

דאַרף מען אַביסל אַריינטראַכטן אָביעקטיוו און פרעגן: די גרויסע מומחים פונעם לאַבאַראַטאָריע ווייסן נישט די פאַקטן וואָס דער אינטערנעט מלקט ווייסט? אויב ערהאַלט מען אַן אָנפראַגע אויף אַ קאַטשקע וואָס קומט פון אַמעריקע, וואָס דער אינטערנעט מלקט האָט דאָך שוין פעסטגעשטעלט קלאָר אָן קיין שום צווייפל, ממש תורה מסיני, אַז "אַבסעלוט ניין, עס איז נישט פאַראַן אַזאַ זאַך אַז מען מישט עופות", דאַן וויאַזוי טרויט זיך דער לאַבאַראַטאָריע מומחה צו זאָגן אַז דאָס פלייש איז מעגליך פון אַ געמישטע קאַטשקע?

דער אינטערנעט מלקט האָט דאָך געשריבן "לא בהחלט, אין דבר כזה", "ידוע שעופות מורכבים אין מצוים כלל וכלל בשוק ובבתי השחיטה בארה"ב". נו, וויאַזוי קען דער לאַבאַראַטאָריע מחולק זיין מיט אַן אָפּענעם און אומאָפּפרעגבאַרן גילוי דעת והבהרת דברים?

און די קשיא איז נאָך שווערער. ווייל ווען דער אינטערנעט מלקט שרייבט "שעופות מורכבים אין מצוים כלל וכלל בשוק בארה"ב", רעדט ער דאָך נאָכנישט פון די מולאַרד קאַטשקע – ווייל פונעם מולאַרד שמועסט ער דאָך ערשט שפּעטער אינעם זאַץ. זענען דאָך די ווערטער "שעופות מורכבים אין מצוים כלל וכלל בארה"ב" אַ סטעיטמענט אויף אַלע ערליי געמישטע קאַטשקעס. נו מעג מען צולאָזן אַז דער לאַבאַראַטאָריע זאָל זיך אַזוי חוצפה'דיג סותר זיין מיט'ן אינטערנעט מלקט?

דער לאַבאַראַטאָריע רעזולטאַט צעוואַרפט אויך נאָך אַ יסוד וואָס דער אינטערנעט-מלקט ברענגט אַראָפּ ווי אַ פאַקט, כאילו עס וואָלט געווען תורה מן השמים, "לא בהחלט, אין דבר כזה".

ווען מען לייענט דעם זאַץ זעט מען אַז מיט די ווערטער "אין כדבר הזה" מיינט ער אויך זייער קלאָר אַז עס עקזיסטירט נישט אַזוינס אַז דער פאַרמער זאָל אויסמישן אין איין שיפּמענט צוויי ערליי עופות, נאָר מען האַלט יעדע מין עקסטער און אַזוי שיקט מען עס. און נאָך שאַרפער: "עס איז אוממעגליך אויסצומישן און שיקן צו אַ שחיטה בשום פנים ואופן".

איז אַ פלא. דאָס האָט דער אינטערנעט מלקט אַליין געזען, אַז אַ בית השחיטה ווי "מהדרין" זאָל באַשטעלן אַ גאַנצן שיפּמענט פעקין און דערווייל שיקט דער פאַרמער מוסקאַווי, וואָס די צוויי קוקן אויס גאָר אַנדערש כרחוק מזרח ממערב.

און ווען מען האָט פאַרגעהאַלטן דעם פאַרמער דערויף, אַנשטאָט ער זאָל ענטפערן: "אָפּס, איי עם סאַרי, איך האָב געמאַכט אַ טעות, איר האָט באַשטעלט פעקין און איך האָב געברענגט מוסקאווי, איך נעם צוריק די סחורה און איך וועל שיקן אַ פרישן שיפּמענט פון פעקין אַזוי ווי באַשטעלט", אַנשטאָט, אייסערט זיך גאָר דער פאַרמער און בייזערט זיך פאַרוואָס זיי ווילן נישט איבערנעמען די סחורה.

אבער דאָס באַגרייפט גאָרנישט דער אינטערנעט-מלקט אַז אַ פאַרמער זאָל האָבן אַ באַשטעלונג אויף אַ שיפּמענט פעקין און אינמיטן די פעקין זאָל ער אַריינרוקן אַ צאָל געמישטע קאַטקשעס, מולאַרד, אדער אַנדערע וואָס זעען אויס ענליך צו פעקין – ווי דער גילוי דעת זאָגט דאָך קלאָר, "לא בהחלט, אין דבר כזה" אַז מען זאָל באַשטעלן אַ שיפּמענט פון פעקין און מען זאָל אַריינמישן מולארד אדער מוסקאווי.

נו, לשיטתו איז אוודאי אין דבר כזה, ווייל עס עקזיסטירט דאָך בכלל נישט אַזאַ באַגריף ווי עופות מורכבים.

אויב אבער דער לאַבאַראַטאָריע זאָגט קלאָר אַז מען איז יאָ מרכיב עופות, פאַלט דאָך שוין אַוועק אויך זיין צווייטע הנחה אַז ער מישט גאָרנישט אינעם שיפּמענט, ווייל דאָס האָט דאָך דער אינטערנעט-מלקט געזען מיט די אייגענע אויגן ביי "מהדרין" אַז דער פאַרמער האָט געהאַט קוראַזש צו שיקן מוסקאווי אַנשטאָט פעקין. טאָ פאַרוואָס זאָל דער פאַרמער האָבן אַ פּראָבלעם אַריינצומישן אין אַ שיפּמענט פון פעקין אַ מולאַרד וואָס פונדרויסן קוקט עס אויס ווי פעקין?

והשתא דאתית להכי, אַז דער לאַבאַראַטאָריע צעברעקעלט אינגאַנצן די הנחות פונעם גילוי דעת, לאָמיר צוריקקומען צום זויף פון אַרויסגעבן אַ לאַבאַראַטאָריע רעזולטאַט מיט אַן אויסגעמעקטן דאַטום, ווען יעדער בר דעת פאַרשטייט אַז דאָס ערשטע אויטענטישקייט פון אַ בריוו איז דער דאַטום.

רבונא דעלמא כולא, וואָס האָט דער אינטערנעט מלקט מורא צו צייגן אין וועלכן דאַטום מען האָט פעסטגעשטעלט דעם אַנאַליז אויף דעם אַריינגעשיקטן קאַטשקע? פאַרוואָס האָט ער דאָס אָפּגעמעקט? דאָ רעדט מען דאָך פון אַזאַ סאָרט מלקט וועמענ'ס עדות פון די שוחטים יראי ה' זענען גאָרנישט מאַסגעבנד. מען האָט געמוזט מקיים זיין דעם ירחיק עדותו ביז 800 מייל ווייט אין אָנטעריאָ, קאַנאַדאַ, ווייל נאָר וואָס דער אינטערנעט און די לאַבאַראַטאָריע מומחים זאָגן זענען נאמן. נו אויב אַזוי, אַז דער לעב האָט שוין יאָ צוריקגעשיקט רעזולטאַטן, פאַרוואָס האָט ער געמעקט דעם דאַטום פונעם פסק? דאָס איז דאָך דער איינציגסטער באַגלויבטער פסק. האָט מען נישט קיין רעכט צו וויסן צי ס'איז אַ שטר מאוחר אדער אַ שטר מוקדם?

און וויאַזוי קען דער מלקט\מעקער מיט זיינע צווייפלהאַפטיגע נאמנות נאָכדעם וואָס זיין גילוי דעת איז אָפּגעפרעגט געוואָרן דורכ'ן לאַבאַראַטאָריע, משכנע זיין אַ רעכטדענקיגער אָביעקטיווער מענטש אַז ער זאָל טאַקע האָבן אַריינגעשיקט צום לאַבאַראַטאָריע אַ קאַטשקע פונעם בית השחיטה המהודרת דקרית יואל?

דער לאַבאַראַטאָריע רעזולטאַט, וואָס איז געדרוקט געוואָרן אויך אין "דער איד" מיט'ן אָפּגעמעקטן דאַטום (אומפאַרשעמט), איז דאָך זיכער נישט אַריינגעגעבן געוואָרן צום "איד" דורך סתם אַ מאַן דהו, נאָר דורך לכאורה אַ תורה'דיגער פערזענליכקייט. נו וויאַזוי פאַרשטייט ער אַז מען קען מיט אַזאַ רעזולטאַט-בריוו משכנע זיין סיי וועמען ווען די ערשטע פראַגע איז: וואו איז דער דאַטום?

## מחיקה זו מהו?

אונזער אָרעמער דעת קען נישט משיג זיין דעתו הגדולה פונעם אינטערנעט-מלקט איבער מעקן דעם דאַטום, בלויז אויב מיר נעמען אָן אַז דער אינטערנעט-מלקט האָט שוין געהאַט אין זיין באַזוך די לעב-רעזולטאַטן עטליכע וואָכן, און דייקא די רעזולטאַטן האָבן אים נישט געשמעקט, און דערפאַר האָט ער דאָס נישט אַרויסגעגעבן.

אויב דער לאַבאַראַטאָריע רעזולטאַט איז ערשינען אויפ'ן אינטערנעט און אין "דער איד" ערשט אין פרשת יתרו, איז דאָך צום גלויבן אַז עס איז ערשט אָנגעקומען צום אָנפרעגער אין די וואָך פון פרשת יתרו, וואָס איז גענוי פינף גאַנצע וואָכן זינט פרשת ויחי ווען דער אינטערנעט מלקט האָט אַרויפגעשטעלט זיין ערשטע קאָנספּיראַציע אָנגריף אויפ'ן אינטערנעט. האָט טאַקע געדויערט גאַנצע פינף וואָכן צו ערהאַלטן דעם צווייפלהאַפטיגען רעזולטאַט פונעם לאַבאַראַטאָריע, וועלכע ווייסט אַליין נישט קלאָר צי אַ ריינע מוסקאווי צי אַ געמישטע?

דער אינטערנעט מלקט, וועלכער האָט אָנגעהויבן זיין קאָנספּיראַציע אויפ'ן אינטערנעט, און ערשט צען טעג שפּעטער געפונען פאַר וויכטיג מעורר צו זיין פערזענליך הרבנים הגאונים הצדיקים שליט"א די בעלי מכשירים פון בית השחיטה המהודרת דקרית יואל דערוועגן, דער זעלביגער אינטערנעט מלקט האָט נאָכ'ן ערהאַלטן דעם רעזולטאַט (וואָס מיר ווייסן נאָכנישט דערווייל אין וועלכן דאַטום) באַשלאָסן צוריקצוגיין צו זיין ערשטן מהלך און פאַרשפּרייטן די רעזולטאַטן אויפ'ן אינטערנעט, און אין "דער איד".

פאַרוואָס האָט ער דאָסמאָל דערווייל נישט געפונען פאַר נויטיג צו צייגן פערזענליך פאַר די רבנים הגאוה"צ הבעלי מכשירים שליט"אַ זיין לאַבאַראַטאָריע רעזולטאַט? האָט ער מורא אַז זיי וועלן אים פרעגן איבער'ן אָפּגעמעקטן דאַטום? צי האָט ער מורא אַז די רבנים וועלן זען אַז דער לאַבאַראַטאָריע ווענדט אָפּ זיין "לא בהחלט, אין דבר כזה" הנחה?

אני הקטן אחד הרבנים האָט זיך פאַרבונדן מיט די לאַבאַראַטאָריע אין אָנטעריא, קאַנאַדאַ און געהערט פון זיי אַז עס געדויערט בלויז 2 טעג פון ווען עס קומט אַריין צו זיי דאָס פלייש, ביז זיי שיקן אַרויס די רעזולטאַטן. יאָ, ניטאַמאָל אַ וואָך, און זיכער נישט קיין פינף וואָכן.

נו, לאָמיר טראַכטן מיט אַ קלאָרן






Friday, January 22, '10 DER YID - 9 - דער איד פרייטאָג פ' בא, ז' שבט, תש"ע

אותו על חוט וכו', ואם ידוע שאינו דורס, יש שלשה סימני טהרה, אצבע יתירה, וזפק, וקורקבנו נקלף ביד וכו'. ואע"פ שיש לו ג' סימנים אלו, אין לאכלו, לפי שאנו חוששין שמא הוא דורס, אלא א"כ יש להם מסורת שמסרו להם אבותיהם שהוא טהור. (ל' הרמב"ם שם די"ח).

ולהלן ס"ג מביא דעת הי"א וז"ל: יש אומרים שכל עוף שחרטומו רחב וכף רגלו רחבה כשל אווז, בידוע שאינו דורס, ומותר באכילה אם יש לו שלשה סימנים בגופו.

### חיוב המסורה, אף כשיש לו כל סימני טהרה

והנה ידוע דעת הרמ"א על זה (שהוא הלכה פסוקה אצלינו יוצאי בני אשכנז בלי שום קולות, והוא עפ"י דעת האו"ה כלל נ"ו ורבינו ירוחם בתא"ו נט"ו), שהגיה שם וכתב וז"ל: הגה ויש אומרים שאין לסמוך אפילו על זה, ואין לאכול שום עוף אלא במסורת שקבלו בו שהוא טהור, וכן נוהגין ואין לשנות.

והפמ"ג (משב"ז סק"ר) מוסיף על"ז וז"ל: אלא במסורת, אף שיש לה ג' סימנים בגופו וכף רגלו וחרטומו רחב, אפ"ה אין לאכול אלא במסורת, דהא תרנגולא דאגמא היו מחזיקין בטהרה, ואח"כ ראו שדרסה וכו' ע"כ, והרבה גדולי פוסקים אחרונים העתיקו דבריו להלכה.

### תשובות גדולי הפוסקים והמשיבים בדין ה"מוסקאווי"

והנה כבר ידוע, דעל עוף זה ממש כבר נשאלו גדולי רבנים ופוסקים לפני קרוב למאה וחמשים שנה, והשיבו לאיסור (זולת אותם הפוסקים שנעתיק להלן שהתירו, בהיות שלא נשאלו על הפרט שהוא דורס, וכדלהלן), והנה אין כאן המקום להאריך בכל המו"מ בספרי הפוסקים בזה, אך נעתיק בקצרה מדבריהם למעשה.

וז"ל בספר מלחמות אלקים (להג"ר יששכר בער אילאווי תלמיד מרן החת"ס, נדפס תרע"ד בברלין) בשאלה ששאל מעיר נוא ארלעאנס ארה"ב בשנת תרכ"ב מן הרבנים הגאונים רבי שמשון ב' רפאל הירש זצ"ל ורבי נתן אדלער ראש רבני ענגלאנד בעמח"ס נתינה לגר: ויהי ביום השלישי לבואתי הנה, ונקרא נקראתי לאכול לחם עם אחד מאוהבי, ובבואי לחצר ביתו ראיתי בר אווזות שונות בצורתן בתוארן ובבנין גופן מכל אלה אשר אנחנו אוכלים, והם נקראים Muscovy Ducks ולא ראיתי מין זה מימי בכל מדינות אשר הייתי, ואוסיף לשאל מי התיר לו אלה לאכילה, ואמר כי לא שאל רק הוא ראה אחרים אוכלים אותם והשוחט שחט אותם וגם החזן דקהל אחר בעיר הזאת אוכל אותם בודאי מותרים הם לאכול, ואחר שחקרתי ודרשתי ושאלתי אחרים על מה יסמוכו לאכול אותם ולא יכלו לענות דבר, רק שאחד ראה כן מחבירו וכבן נתפשט ההיתר, מיד צויתי להשוחט דקהלתי שלא לשחוט מיום זה והלאה מין זה, וגם בביהכ"נ דרשתי ואסרתי בר אווזות אלה וכו' שמסורה זו שיש בידי קהלות אלה מאבותיהם שאכלו המין הזה אינה מועלת כלום, כי לא אכלו רק מין זה, אבל אכלו כל המינים שבאו לידם, כל אשר ראו עיניהם ותחמוד נפשם בלתי מבדיל בין טהור לטמא -

ואני אומר עליהם: אל תעשו כאבותיכם ובפרט כי בר-אווזות האלה נראים כי מעולם לא היו ידועים לחכמינו ז"ל בשאר הארצות, מאחר שמין זה הנקרא באשכנז וכו' ארץ מולדתו היא רק בצפונית (דרומית) אמעריקא וכו' ואין לו קיום ומציאות בארצות אחרות מאלו, וביצי מין זה כולם עגולים הם ומראם ירקרק-לבן, ויתר הירק על הלבן, ואם למראה עיני בשר ישפוט, הבנים מעידים על אבותם כי טמא טמא יקראו וכו' וכו' דאנו סמכינן על הרמ"א שהביא בשם הארוך שאין לאכול שום עוף אלא במסורה, לכן אסרתי את העוף הנ"ל, אבל הבטחתי לאיזה אנשים מעדתי אשר נפשם חשקה בו לכתוב לאיזה חכמים גדולי השם מחכמי אייראפא על אודות המין הזה, ואם המה יעידון שמין זה מסורה לנו או שיתירו אותו מטעם אחר, אזי אתיר אותו גם אני - לכן אשחר את פני אדוני להשיב לי דבר אם טעיתי בדבר משנה או בשקול הדעת, או אם כדין דנתי - דברי הכותב לכבוד התורה, יששכר בער בן אאמו"ר יעקב ליב זצ"ל.

וע"ז השיב לו הגאון רשר"ה הנ"ל וז"ל: ב"ה פראנקפורט ע"מ עש"ק פ' ראה תרכ"ב לפ"ק . . . אודות הני בר אווזות מוסקאווי דאקס שהם משונים בצורתם בבנינם ובכל תבנית גופם מכל שאר שאנו אוכלין בשאר ארצות, וביציהם עגולות ירקרקות לבנות, ואנשי קהלתו אוכלים אותן על סמך אמרם שיש להם מסורה עליהם להיתר ועל שהכירו בם סמני טהרה, ומעלתו נ"י אסרם להם מפני שאין לנו להתיר עוף על פי סמנים, כי אם על פי מסורה מאבותינו הראשונים הבקיאים בדבר ונאמנים בדת, ודאי הדין עם מעלתו נ"י שאין להתיר שום עוף אם לא על פי מסורה מן הקדמונים, ואין מנהג אנשים אשר מקרוב באו ועוד שאינם בני תורה ראוי להקרא מסורה לסמוך עליו בענין התורה, ובפרט בעופות הללו אשר ביציהם עגולות וזה סימן מובהק להיותם עופות טמאים כדמוכח מש"ס חולין ס"ד א' ואפילו מסורה לא מהני בהם מאחר שביציהם מוכיחין היות המסורה בטעות, וד' ישלח עזרו מקדש להחזיר עטרת התורה לישנה ולהקים הדת על תלה כאות נפשו ונפש מכבדו ומוקירו. (ועי' עוד להלן בהעתקת התשובה שהשיב לאיסור הגאון האדיר המפורסם רבי חיים מבריסק זצ"ל על עוף זה מטעם דורס).

### דין עוף הדורס, ומהו דורס

כבר הבאנו דברי המחבר דכל עוף הדורס הוא ממינים הטמאים, ומקורו מהמשנה חולין (נט.) אבל אמרו חכמים כל עוף הדורס טמא. ובגדר מהו דורס, כת' הפמ"ג שאנו חוששין לכל הפירושים, ואם הוא דורס לפי אחד מהפירושים, לא מהני סימני טהרה ואף לא מסורת, וז"ל הפמ"ג (משב"ז סק"א) עפ"ז, ודע דיש ג' פירושים, א' פירש"י נותן רגלו על האוכל שלא ינוד, ב' פיר"ת דאוכל מחיים, ג' פי' הרא"ה ור"ן דורס נועץ צפרניו בב"ח ודורסו וכו', ונפק"מ האידנא, אם נאכל במסורת וראינו שדורס, דקבלה בטעות הוא, יש להחמיר ככל הפירושים וכו', ע"כ.

וכ"פ הפרי תאר שם (סק"ג ד"ה נקטינן) וז"ל: ובכל כי האי ברירא לי מלתא דלא מצינן לאלומי חד פירושא מחבריה, וחיישינן לכל הפירושים, ולא מקרי לא דריס אלא מאן דלית ביה חד מד' פירושי הדורס וכו'.

והעתיקו דבריהם אלו להלכה, הרבה אחרונים גדולי הפוסקים והמשיבים, ולדוגמא יעויי' בשו"ת אבני צדק יו"ד סי' כ"ם (והוא ז"ל מנאם לד' פירושים, כי הציג בשיטת רש"י ב' פירושים, א' מה שפי' במשנה, וב' מה שפי' בגמ' דף ס"ב) וז"ל: דבדריסה יש ד' פירושים וכו' ואנו קיי"ל להחמיר ככל הפירושים כמ"ש הפר"ת והפר"מ, ונ"מ דאם יש לו ג"ס וגם יש לו מסורת וראינו שדורס כפירוש א' מהפירושים הללו, אסור דקבלה בטעות היא וכו'.

וכן העתיקו דבריהם להלכה עוד הרבה אחרונים הדרכ"ת בס"ק י"ד, הזבחי צדק סק"ז, והכף החיים סק"ו וסקי"א.

### אף הפוסקים הוותיקים שהתירו המוסקאווי, לא התירו באופן שהוא דורס

והנה אחרי כמה שנים שנכתבו התשובות דלמעלה, נשאל על"ז גם הגאון האדיר המפורסם רבי חיים הלוי סאלאווייציק מבריסק זצ"ל מהשו"ב רבי יוסף אהרן טאראן שהתגורר בארגענטינא, וכפי שכותב בספרו זכרון יוסף (נדפ' בירושלים שנת תרפ"ד) שאלו מאתו וכתבו אליו שהזכר אוכל עופות אחרים כשהם חיים, ורצו לדעת אם זהו סימן דריסה, ואחד מרייני בריסק כתב תשובה בשם רבו הגר"ח מבריסק.

וזה תוכן התשובה כפי שמופיע בספרו שם עמוד י"ט: על דבר שבמקומם נמצאים בר אווזות שהם בקצת שינוי משלנו הגיע לידינו, והנה זה שהזכר אוכל בע"ח עופות כשהם חיים, זהו סימן דריסה לדעת ר"ת ובעל המאור ובה"ע והרשב"א והרא"ש והטור, וגם בס' האשכול הביא שיטה זו עם שיטת הרמב"ן ולא הכריע, ומאחר דלכל הנך רבוותא הוא בכלל מה ששנינו כל עוף הדורס טמא, א"כ הוא פשוט שאין לו היתר, וזה שכף רגלו רחבה וחרטומו רחב אינו שום סימן לדינא, וקבלת הרז"ה רק שזה מורה לדעת שאיננו דורס, וא"כ כ"ז בעוף שלנו, אבל זה שאוכל מחיים שזה דריסה, ועצם סימן טמאה, לזה לא מועיל כלל מה שכף רגלו וחרטומו רחבה וע"כ פשוט הדבר שאין לו היתר -הכותב בשם אדמו"ר הרה"ג ר' חיים סאלאווייציק שליט"א בעיר בריסק דליטא - הק' אברהם היושב ודן בבית הג' הנ"ל.

והנה פסק דין ברור זה מאביר הגאונים והרבנים על עוף המוסקאווי ממש, מתאים עם דעת כל הפוסקים הנ"ל, שאנו חוששים לכל הפירושים בהגדרת דורס, ואם הוא דורס לפי אחד הפירושים לא מהני לי' שום סימן טהרה, ואף לא מסורת.

ולאור דברי הפוסקים הנ"ל, ולאור המציאות שהפוסקים המתירים (וכגון המפורסמים שבהם, הנצי"ב במשיב דבר והדברי מלכיאל) לא נשאלו על פרט זה שהוא דורס, כי נשאלו מריחוק מקום, והשואל לא ידע או לא הודיע להם פרט זה, פשוט שאין דבריהם להיתר שייך לעוף זה שהוא דורס, וכפי שהבאנו לעיל דברים ברורים מהמומחים והפארמערס כל כהיום.

### סיכום להלכה

עוף ה"מוסקאווי" הוא אסור בהחלט להלכה כאמור, ודינו כעוף טמא לכל דבריו ולכל הלכותיו.

ולמזהיר ולנזהר שלומים תן כמי נהר

וע"ז באנו עה"ח ביום ה' שבט שנת תש"ע לפ"ק

שלמה צבי שטערן, אב"ד דק"ק דעברעצין
יצחק שטיין, דומ"ץ פאלטישאן וראב"ד קארלסבורג
יצחק אליעזר יאקאב, רב כיהמ"ד תבואות שור ור"כ אהל שלום צבי ומח"ס שיח יצחק וילקוט אליעזר
יעקב זיידא, ראה"כ הוראה למצויינים

כל הדברים הנ"ל בדבר עוף מוסקאווי, הם ברורים ומצודקים להלכה, שיש לדונו כדין עוף טמא, וח"ו להכניסו כבתי ישראל. ולהשומעים יונעם ותעבכב"ס. — הק' יחזקאל ראטה

# וואו איז דער דאַטום פאַרשווינדן?

וואָס נישט, און דאָך איז דער תרנגול די עוף וואָס גאַנץ כלל ישראל עסט.

קיין טענות פאַרוואָס ער ברענגט נישט אַראָפּ דעם ראַ"ש און ר"ן קען מען חלילה נישט האָבן, ווייל דעם ראַ"ש און ר"ן האָט ער אויפ'ן אינטערנעט אוודאי נישט געפונען. איז אים ליבערשט געווען צו באַריכטן נאָר וואָס "זיינע" מומחים זאָגן.

פאַרוואָס ווען ער ציטירט יאָ דעם ספר "זכרון יוסף" דער דומ"ץ ושו"ב אין אַרגענטינא, ציטירט ער נאָר די אוסרים, און גאָרנישט די גדולי המתירים? אבער פאַרוואָס טרעפט מען נישט אינעם פסק קיין וואָרט איבער'ן אבני נזר, קיין איין וואָרט איבער דעם דרכי תשובה, קיין איין וואָרט נישט איבער דעם גרויסן גאון וצדיק פון ירושלים רבי שמואל סאַלאַנט ובית דינו הצדק? און אויך די נעמען פון די אַנדערע צוויי מתירים, דער נצי"ב און דברי מלכיאל, ווערן נאָר דערמאַנט בהבלעה, און איינגערינגלט?

פאַרוואָס ציטירט ער נישט וואָס עס שטייט אין זכרון יוסף, אַז רבי שמואל סאַלאַנט זצ"ל האָט זיך אויסגעדרוקט אויף די מוסקאווי קאַטקשע, "עסט געזונטערהייט, מיט'ן בעסטן אַפּעטיט".

האָט ער מורא געהאַט אַראָפּצובריינגען דעם בריוו פונעם ירושלימער בית דין, בשם רבי שמואל סאַלאַנט גאב"ד ירושלים, ווייל דער בריוו זאָגט אויס דעם סוד אַז די תרנגולים וואָס גאַנץ כלל ישראל עסט, אויך זיי עסן אויף קליינע בעלי חיים לעבעדיגערהייט – אַ סוד וואָס גראַדע אויך זיינע באַליבטע חכמי הטבע פון דער אינטערנעט זענען מודה דערצו?

## כמעשהו בענגליש ובלשון הקודש, כך מעשהו באידיש

פאַרגאַנגענע וואָך איז ערשינען אין "דער איד", צווישן אַנדערע שימפּעדיגע אַרטיקלען, אַן אַרטיקל געשריבן פון אחד הרבנים, וואָס זענדיג דעם "ברצותו מרחיב וברצותו מקצר", לויט ווי די פּאָליטיק דיקטירט אים, באַקומט מען עפּעס אַ געפיל אַז דער אחד הרבנים איז נישט קיין אַנדערער ווי דער אינטערנעט מלקט זעלבסט, וועלכער האָט כיהודא ועוד לקרא אָפּגעשריבן אויף אידיש דאָס וואָס ער האָט אַ וואָך פריער געשריבן אין לשון הקודש.

אָט אַזוי שרייבט ער אינמיטן דעם אַרטיקל, אויף זייט 17:

"אַ צייטונג איז נישט דאָס אָרט אויסצולופּטערן די הלכה'דיגע שיטות פון קאַטשקעס. איך וויל נאָר בלויז אָנווייזן אויף אַ ספר מלחמת אלקים, פון אַ תלמיד פון מרן החת"ם סופר ז"ל, וועלכער איז ערשינען בשנת תרכ"ב, און אויך אַ ספר זכרון יוסף פון אַ שוחט אין אַרגענטינע, וואו עס איז געדרוקט אַ מתן ומשא של הלכה פון די גדולי התורה פון העכער 150 יאָר צוריק איבער די קאַטשקעס. אַסאַך גדולים ווי הגאון רבי חיים ברלין זצ"ל און הגאון רבי חיים מבריסק זצ"ל האָבן עס גע'אסר'ט אַלס אַן "עוף הדורס", ווייל די קאַטשקע פאַרציקט קליינע הינער און אַנדערע בעלי חיים ביי זייער לעבן, וואָס דאָס איז אַ סימן פון אַן עוף טמא. עס פאַרמאָגט אויך נעגל ווי אַן עוף הטורף, אויך זענען זייערע אייער רונדיגע פּונקט ווי ביצים טמאים, און עס האָט נאָך אַנדערע שינויים פון כשר'ע קאַטשקעס. שוין אָפּגערעדט פון דעם אַז ס'האָט נישט קיין מסורה פון די פריערדיגע דורות אַז עס איז אַן עוף טהור, ביי וואָס מ'דאַרף עפּ"י הלכה האָבן אויף דעם אַ מסורה, ווי עס שטייט אין שולחן ערוך (יו"ד סי' פּ"ב).

"דער עוף מוסקאַווי איז בשעתו גע'אסר'ט געוואָרן ווי אַן עוף טמא האסור מן התורה, דורך די גדולי הדור, ווי הגאון רבי חיים בערלין זצ"ל, אב"ד מאָסקווע וירושלים, הגאון רבי שמשון רפאל הירש זצ"ל אבד"ק פראַנקפורט ד'מאַין, וכ"כ בשו"ת תורת מרדכי סי' קי"ז אַז עס אַ עוף הדורס, הגאון רבי נתן אַדלער אבד"ק לאָנדאָן און נאָך גדולי ישראל. ווידער זענען געווען געציילטע גדולים וועלכע האָבן יאָ מצדד געווען להיתר, צו כשר'ן די קאַטשקעס, וויבאַלד זיי האָבן נישט געזען די אמת'ע פאַקטן פון דעם עוף טמא, וואָס זיין נאַטור איז צו עסן פלייש פון לעבעדיגע באַשעפענישן, צוליב זיין אָנגעווייזנקייט אין פּראָטין, וואָס פעלט אויס פאַר זיין וואוקס.

"אַ פאַקט איז אַז אין די ביכער פון די חכמי הטבע ווערן די מוסקאַווי קאַטשקעס באַשטעטיגט אַלס אַן עוף וועלכער פאַרציקט שטענדיג אַנדערע בעלי חיים ביי זייער לעבן. עס פאַרציקט אויך לעבעדיגע הינדלעך און עס עסט אפילו אויף די אייגענע קינדער, וואָס איז עפּ"י הלכה אַן עוף הדורס וואס איז אסור באכילה מן התורה, ווי דער בי"ד פון משמרת למשמרת האָט געשריבן אין זיין פּסק געדרוקט אין "דער איד" פאָריגע וואָך.", ביז אַהער פון "אחד הרבנים", וואָס ווי דערמאַנט וועלכער שיינט צו זיין דער זעלבער אחד הרבנים ווענען מיר ווען ענדערש באַצייכענען ווי דער "אינטערנעט מלקט".

אַז מען באַטראַכט די עטליכע פּאַראַגראַפן, זעט מען בחוש דעם בייזוויליגען פאַלסיפיקאַציע, האַלבעטע שקרים, באַהאַלטענע אמת'ן, ווי ער שרייבט נאָר וואָס עס גלוסט אים, און וואָס עס שפּילט אים צו צום פּאָליטיק.

ער הויבט אָן, אַז עס איז נישט אין ראַם פון אַ צייטונג אויסצולופּטערן די הלכה פון קאַטקשעס. אָבער ביים ענדע פונעם צווייטן פּאַראַגראַף, איז ער נישט בלויז אַן אויסלופּטערער, שוין גאָרנישט מער אַן אָביעקטיוער מעתיק פון צדדים לכאן ולכאן, נאָר איז מחליט מיט אַזאַ חוצפּה'דיגען זיכערקייט, אַז די גדולי ישראל המתירים האָבן פּשוט נישט געוואוסט פון די פאַקטן, וואָס בלויז ער, דער אינטערנעט מלקט ווייסט דערפון צוליב זיין בקיאות אין די ביכער פון די חכמי הטבע: לייען אינטערנעט\וויקיפידיע.

וואָס עס וואונדערט מער, איז זיין דיספּאָזיציע פון טינט, ווען ער פאַרמאָגט יאָ טינט און ער קען אויסרעכענען פּונקטליך די נעמען פון די אוסרים, און ווען זיין פּענע לויפט פּלוצלינג אויס פון טינט און ער ווייסט בלויז פון "געציילטע גדולים וועלכע האָבן מצדד געווען להיתר". (כאילו דער מספּר האוסרים ציילט זיך אין די צענדליגער.)

בעת ער האָט גענוג טינט אַרויסצושרייבן אָפּן די נעמען פון די אוסרים, ווי הרה"ג רבי שמשון רפאל הירש זצ"ל דער אָרטאָדאָקסישער רב פון פראַנקפורט און גרינדער פון די שיטה פון "תורה עם דרך ארץ", און הרה"ג רבי נתן אַדלער זצ"ל דער אָרטדאָקסישער רב פון לאָנדאָן, איז זיין פּענע פּלוצים אויסגעלאָפן פון טינט ווען ער דערמאַנט די מתירים, ער ווייסט נישט פון אַזעלכע מתירים ווי הגה"ק רבי שמואל סאַלאַנט זצ"ל גאב"ד ירושלים ובית דינו הצדק, וועלכער האָט אַליין געגעסן די קאַטשקעס און געזאָגט "עסט געזונטערהייט מיט'ן בעסטן אַפּעטיט", פון הגאון הגדול הנצי"ב מוואָלזשין זצ"ל, הגאון הגדול בעל דברי מלכיאל זצ"ל, הגאון הגדול בעל דברי אהרן זצ"ל, און אוודאי ברענגט ער נישט צו דעם הייליגען אבני נזר זי"ע פון סאָכאָטשאָוו, וועלכער איז מברר להלכה פונקט ווי דער רש"ש, אַז אַן עוף טהור קען נישט מוליד זיין אינאיינעם מיט אַן עוף טמא, און אויב איז יאָ דאָ אַ קאַטשקע וואָס איז געמישט, מוז זיין אַז אָדער זענען ביידע טהורים אָדער ביידע טמאים, וואָס לויט דעם איז קלאָר אַז דער פיעקין און מוסקאַווי האָבן ביידע די זעלבע הלכה.

מערקווירדיג, איז ער אויך אויסגעלאָפן פון טינט ביים דערמאַנען איין אוסר, דער בעל מלחמת אלקים, וואָס ער ווייסט בלויז צו דערמאַנען אַז ער איז געווען אַ תלמיד החתם סופר זצ"ל, און ווייסט גאָרנישט זיין נאָמען. אויב זוכט דער אחד הרבנים זייער שטאַרק צו באַהאַלטן דעם נאָמען, איז אפשר יאָ כדאי אַרויסצושרייבן ווער דאָס איז: הרה"ג ר' ישכר דוב אילאַווי ז"ל, וועלכער האָט נאָכ'ן לערנען אין פּרעשבורגער ישיבה זיך דערוואָרבן אַ דאָקטאָראַט אין בודאַפּעסטער אוניווערזיטעט, און זיין ספר מלחמת אלקים באַשטייט פון דריי שפּראַכן, לשון הקודש, דייטש און ענגליש.

נישט חלילה אַז מען איז דאָ אויסן צו ממעט זיין מכבוד תורתם פון הרבנים האוסרים, אָבער דער אחד הרבנים, נאָכ'ן זיין בקי אין ביכער פון חכמי הטבע, ווי אויך לארכה ולרחבה פונעם אינטערנעט, וואָלט ער אונז געמעגט מזכה זיין אויך מיט די נעמען פון אַזעלכע מתירים ווי רבי שמואל סאַלאַנט זצ"ל און אבני נזר זצ"ל ועוד ועוד.

(סיידן דער אחד הרבנים האָט יאָ אַרויסגעשריבן די נעמען פון די גדולי ישראל וועלכע האָבן מתיר געווען לכתחילה די מוסקאַווי קאַטשקעס, נאָר דער שטאַב פון "דער איד" האָט געמאַכט טייפּינג טעותים זייענדיג צו שטאַרק פאַרנומען צו פּאַקן פּעק און אַריבערפירן די שרייב געצייג קיין ירושלים, וואו זיי האָבן שוין געהאַט אַרויסגעדונגען עטליכע שטאָקן פאַר אָפיסעס צו קענען דעקן פון דער נאָנט די "מסע המלכות" – וועלכע איז פּלוצלינג צוריקגערופן געוואָרן צוליב אַ "באַבע-מעשה" בו בזמן ווען די זעלביגע האָבן מיט אַ רשעות און קאַלטבלוטיגקייט אַוועקגעפירט אַ זיידן אַ רבן של ישראל פון די אייניקליך'ס און אור אייניקליך'ס חתונות און בר מצוות. זע בייגעלייגטן פאָטאָסטאַט פון אַ רעליגיעז-ציוניסטישע צייטונג אין מדינת ישראל.)

## למקום אבני שיש הגעת

דער גרעסטער וואונדער אויף די אַלע דערמאַנטע פראַגן איז, אַז אין ספר "אבני שיש", וואָס דער אינטערנעט מלקט האָט צופעליג אַ נאָנטן שייכות דערמיט, איז דאָ אַ תשובה איבער דעם "בייסאן" באָפּאלאָ, וואָס דער רבן של כל בני הגולה, החזון איש זי"ע, האַלט אַז מען טאָר נישט עסן ווייל אויך ביי בהמות וחיות דאַרף מען האָבן אַ מסורה.

דער מלקט וועלכער איז חולק אויפ'ן חזון איש ברענגט צו אויף דף קי"ז, "ועוד יש לצרף לדעתם של האחרונים הנ"ל המקילים, את דעתו של הדרכי תשובה שכידוע הוא מאסף לכל המחנות מכל שיטות ופסקי האחרונים ואף הוא העתיק כאן רק דברי הפרי מגדים הנ"ל בסתמא ולא הביא שום חולק עליו."

זעמיר אַז ער נעמט אָן אַז אויב דער דרכי תשובה ברענגט אַראָפּ נאָר דעם פרי מגדים המתיר, און נישט די אַנדערע חולקים, איז אָנצונעמען אַז דער דרכי תשובה האַלט אויך אַזוי.

אַ פלא, פאַרוואָס האָט דער מלקט איצט ביי די קאַטשקע פּרשה נישט געוואוסט צו קוקן אינעם דרכי תשובה – וואָס ער אַליין זאָגט דאָך עדות אויף אים אַז ער איז אַ מאסף לכל המחנות – און אויב דער דרכי תשובה ברענגט דאָ ביים מוסקאווי נאָר אַראָפּ דעם דעת המתיר, איז דאָך דאָס דער דעת הדרכי תשובה. נו, וואו איז דער דרכי תשובה פאַרשוואונדן געוואָרן פון דעם גילוי דעת והבהרת דברים, אתמהה?

ווייטער אויף דף קי"ט שרייבט דער אבני שיש, אַז אפילו מען זאָל יאָ מחמיר זיין כדברי החזון איש אַז אַ בהמה דאַרף אַ מסורה, קען מען מצדד זיין אַז דער בייסאן איז נאָך אַלץ נישט קיין נייער סאָרט, נאָר איז אַריינגערעכנט אין די מסורה פון באָפּאלאָ, ווייל טראָץ מען זעט דערויף עטליכע קליינע חילוקים פונעם געווענליכן באָפּעלאָ, און אפילו אויב מ'וועט זיך עקש'נען אַז די חילוקים זענען דוקא גרויסע חילוקים, טרעפט מען דאָך שוין לאַנג פילע צדדי היתר ביי אַזעלכע חילוקים אפילו ביים מסורת העוף.

ווייטער אין זעלבן דף שטייט אין

# מערכת 'דער איד' תעבור מויליאמסבורג לירושלים

המעבר יהיה למשך שבועיים ימים בלבד כדי לתעד מקרוב את ביקורו הצפוי של כ"ק האדמו"ר מהרי"י מסאטמר בארץ הקודש


תיעוד הביקור המלכותי: כ"ק האדמו"ר מהרי"י מסאטמר שליט"א

מאת איתמר אדלר

**מערכת השבועון האידי הוותיק 'דער איד' היוצא זה עשרות שנים בארצות הברית ומזוהה עם מוסדותיו של כ"ק האדמו"ר מהרי"י מסאטמר שליט"א, תועתק לראשונה לירושלים למשך עשרה ימים יחד עם כל צוות הכתבים, העורכים ואנשי הגרפיקה.**

מעברה של המערכת כולה לירושלים הוא בשל ביקורו הצפוי של כ"ק האדמו"ר מהרי"י מסאטמר שליט"א בארץ ישראל בחודש אדר הקרוב, ביקור ראשון מאז היה לרבי אחרי הסתלקותו של אביו כ"ק האדמו"ר ה'ברך משה' מסאטמר זצ"ל לפני כארבע שנים.

קהל החסידים בארץ נערך לשבוע ומחצה של אירועים ומעמדי קבלת פנים. האדמו"ר יבקר בירושלים, בבני ברק ובבית שמש ויערוך בארץ שתי שבתות.

כדי להביא לציבור קוראי ה'דער איד' בריכוז קוראי האידיש בארה"ב, בלונדון, באנטוורפן שבבלגיה ובארץ ישראל גיליונות מעודכנים מימי ההכנות והביקור עצמו, החליטו בהנהלת העיתון להעתיקו לירושלים, קרוב לאירועים המתרחשים. צוותי הכתיבה והעריכה בראשותו של העורך הרב אהרון פרידמן יכינו את העיתון ומוספיו ממרכז ירושלים ויעבירו את החומרים והתמונות המעודכנות להדפסה ולהפצה בארה"ב.

האדמו"ר מהרי"י מסאטמר מגיע לארץ לרגל שמחת הבר מצווה לנכדו, בן לבנו הגרח"צ טייטלבוים

הוא אור לי"ט באדר, שבו ייערך מעמד קבלת פנים ראשון בירושלים, ובמשך הימים שלאחריו - בריכוזים נוספים בארץ. עשרת הימים יוקדשו לביקורים במוסדות התורה ובמפעלי החסד. האדמו"ר יבקר אצל גדולי התורה והחסידות ובהם ביקור מיוחד אצל כ"ק מרן האדמו"ר מגור שביקר לא מכבר במעונו של האדמו"ר מהרי"י מסאטמר בוויליאמסבורג.

מערכת העיתון 'דער איד', שופרו של האדמו"ר, שכרה דירה מיוחדת במרכז ירושלים, ומשם תתנהל מלאכת תיעוד הביקור המלכותי. צוותים של חסידים עמלים על תוכניות הביקור ועל סדר הימים העמוסים לאחר שזה ארבע שנים, כאמור מאז ההכתרה, מצפים

**אין איינע פון די רעליגיעז-ציוניסטישע צייטונגען אין מדינת ישראל ווערט באַריכטעט אַז די רעדאַקציע פון "דער איד" מיט אַלע שרייבער און גראַפיקער וועלן זיך אַריבערציען קיין ארץ ישראל אויף צען טעג צו דעקן די מסע המלכות – וואָס מ'האָט צוריקגעצויגען צוליב אַ באַבע-מעשה**

# וואו איז דער דאַטום פאַרשווינדן?

אבני שיש: אַז מען זעט אויך פון אַלע גדולי הפוסקים האחרונים, אַז אפילו ביי אַזעלכע עופות וואָס עס איז שוין אָנגענומען ביי זיי די הוראה פונעם רמ"א, אַז מען דאַרף דערביי אַ מסורה, דאָך האָבן פילע גדולי הוראה מקיל געווען ווען ס'איז אָנגעקומען אַ נייער סאָרט עוף, וואָס מען האָט געוואוסט אַז עס שטאַמט פון די זעלבע עופות וואָס האָבן אַ מסורה, און בכלליות'דיג איז עס אייניג, נאָר עס האָט קליינע חילוקים, האָט מען מתיר געווען.

שרייבט דאָ דער אבני שיש, אַז ביי מסורת העוף זענען דאָ פילע צדדי היתר אפילו מען זעט שטאַרקע חילוקים צווישן די מסורה'דיגע און די נישט מסורה'דיגע, און כל שכן ווען די חילוקים זענען נאָר קליינע. פאַרוואָס איז דער אבני שיש איצט פאַרהוילן געווען אינעם גילוי דעת? ווייסט נישט איין האַנט וואָס די צווייטע האַנט טוט?

שפּעטער אין דף ק"כ, קכ"א, באַהאַנדלט דער אבני שיש די טוירקי עופות, תרנגול הודו, וואָס האָט כידוע נישט קיין שום מסורה, און עס האָט זיך געטון דערוועגן אַ גאַנצער פּאָלעמיק אין די ספרים וויאַזוי מען מעג עס עסן. דאָרט ברענגט דער אבני שיש אַז עס זענען דאָ אין די פוסקים פאַרשידענע ישובים און היתרים, און ער ברענגט דאָרט צו דעם ספר משיב דבר פונעם נצי"ב דעם היתר. אבער דאָ אינעם גילוי דעת והברת דברים זענען אַלע צדדי ההיתר מיסטעריעז פאַרהוילן.

די קשיא איז דאָך הימל-שרייענד: מילא ער האָט איצט פונקט נישט געהאַט פאַר זיך דעם דרכי תשובה, מילא ער האָט נישט געהאַט קיין צייט געהעריג מעיין צו זיין יעצט אין אבני נזר אדער אין משיב דבר אדער דברי מלכיאל, און מילא אַז ער האָט אפילו אינעם ספר זכרון יוסף וואָס ער ברענגט יאָ צו, אויך פונקט נישט געהאַט קיין צייט מעיין צו זיין אין די תשובה פון רבי שמואל סאַלאַנט. נו גוט, מען קען דן זיין לכף זכות. אבער אין "אבני שיש" האָט ער אויך נישט געהאַט קיין צייט מעיין צו זיין?

מיר האָבן אויף די האַרבע קשיות נישט קיין תירוץ, נאָר אַז במחילת כבודו הרמה, "לא ..." DUCK

## לא בחנם

דער ריכטיגער תירוץ אויף די אַלע קשיות איז: די קאָנספּיראַציע איז מתחילה אָן געבוירן געוואָרן דורך אַן אינטערנעט-מלקט, דורכ'ן פאַרשפּרייטן שקרים אויפ'ן אינטערנעט, און דאַן האָט ער מקיים געווען דעם כבולעו כך פּולטו און צוריקגענומען פונעם אינטערנעט פּסקים און היימיש-פאַבריצירטע פאַקטן דורך וויקיפידיע, און ענדגילטיג זענען די א.ג. לעב-רעזולטאַטן אויך פאַרעפנטליכט געוואָרן צום ערשט אויפ'ן אינטערנעט.

דער מלקט פונעם אינטערנעט, וואָס איז אַן אבן נגף פאַר כלל ישראל, האָט זיך צוזאַמגעשטעלט מיט'ן האַטליין-פרעדיגער וועלכער גייט נישט קיין ד' אמות אָן מנבל זיין פיו און אַלע גדולי ישראל האָבן גע'אסר'ט צו הערן צו זיינע דברי נאצה וקלון. דער דרייעקיגער אינפאָרמאַציע צענטער, אינטערנעט, האַטליין און "דער איד" האָט נישט געקענט בעסער אַרויסברענגען דעם "לא לחנם הלך הזרזיר אצל העורב".

אויב קען דער גילוי דעת זאָגן מיט אַזאַ זיכערקייט "לא בהחלט, אין דבר כזה" אַז מען זאָל מישן קאַטשקעס, קען מען דעמאָלט געוויס זאָגן מיט אַ זיכערקייט, אַז ווען דער אינטערנעט איז דער פוסק, איז מען אוודאי גוט צעמישט.

---

קיח — אבני דעה

ועוד יש לצרף לדעתם של האחרונים הנ"ל המקילים, את דעתו של הדרכ"ת שכידוע הוא מאסף לכל המחנות מכל שיטות ופסקי האחרונים (וגם דברי החכמ"א מובאים הרבה בספרו) ואף הוא העתיק כאן (בס"ק ג') רק דברי הפמ"ג הנ"ל בסתמא ולא הביא שום חולק עליו.

— ז —

**הוכחה מספרי גדולי המחברים האחרונים שאין החכמ"א חולק על הפמ"ג**

ועוד אנו למדים מדברי הפוסקים הנ"ל, הזבחי צדק והבית יצחק ואחריהם הכה"ח, שאף לא עלה על דעתם שדעת הפמ"ג ודעת החכמ"א הם דיעות מחולקות, והי' פשוט אצלם דדעת החכמ"א כדעת הפמ"ג, כי הרי כולם הביאו דעת הש"ך וכתבו דכן גם דעת הפמ"ג והחכמ"א ועוד אחרונים, ופשוט דבזה השוו להדיא דעת כולם אהדדי, והוא סיוע וחיזוק לדברינו הנ"ל דדברי החכמ"א הם רק העתקה מדברי הש"ך, ויש לפרשם בשופי כמו שפירש הפמ"ג בדעת הש"ך, ועוד מצאנו חיזוק לדברינו בדברי הכה"ח שכדברי הפמ"ג מוכח גם מסתימת המחבר והרמ"א.

ומעתה נפל כל היסוד – להחמיר ולהצריך מסורת בבהמה וחי' לענין היתר אכילת הבשר – בבירא, כי זולת דברי החכמ"א האלו לא נמצא שום מקור ומקום אף לחכך ולומר דגם בהמה וחי' יהיו זקוקים למסורת, ומכיון שנתברר עפי"ד עמודי ההוראה הנ"ל דאף דעת החכמ"א אינו כן, אין שום מקום ויסוד אף למדקדקים להחמיר בזה.

**לא קיים כאן החשש של החזו"א במין חדש, שנסתבך בדברים שונים**

ולענין מ"ש עוד החזו"א שאם נקבל חדשים נסתבך בדין חלבן וכיסוי דמן ותואר אבריהם לענין טריפות כגון עינוניתא דורדא וכיו"ב, בנד"ד אין שום חשש וסיבוך, דהנה בנוגע לענין כיסוי הדם הרי יש לנו פתרון מרבינו הרמ"א ואחריו רבינו בעל השמ"ח לענין הבופלי שהבאנו לעיל שפסקו להלכה לכסות דמו בלי ברכה או לשחוט עוף לפניו, ובנוגע לחלב פשוט הדבר שנחמיר וניזהר מחלב ע"י אותו הניקור שנוהגין בבהמה, באופן שנשאר לנו רק הענין של העינינותא דורדא ותואר האיברים לענין טריפות, וע"ז יש לנו כבר עדויות נאמנות משוחטי"ם יראי ה' מרבים ואנשים נאמנים, שצורת הריאה ותבניתה הוא ממש אחד עם צורת ותואר הריאות של שאר הבהמות שאנו אוכלים, שיש לה ממש אונות תלתא מימינא ותרי משמאלא, וצורת האונות הם ממש כצורת האונות של שאר הבהמות (ולדוגמא, האונא העליונה הימנית הנקראת מתפללת, יש לה גם אצלה פיצולים כי גם הוא נמצאת במילר הזה, וגם הוא סובבת את הקנה), וכן יש עינוניתא דורדא לכל אחת מהם, באותו תואר של שאר בהמות, וכן בשאר האיברים אין שום שינויים.

אבני שי"ש — קיט

— ח —

**עוד סניף ליתר שאת, דנכלל במסורת הבופילו הרגילה, ויתכן דגם החזו"א הי' מתיר בזה**

ואף דדי בזה לבד להתיר לכתחילה בלי שום פקפוק, לא נמנע מלהוסיף עוד סניף להיתר ליתר שאת, והוא דכל הנידון הנ"ל בדברי הש"ך והפמ"ג ואחריהם החכמ"א ואחריו החזו"א הוא רק לענין מין חדש שמסתפקים בו ובאים להכשירו מצד סימני טהרה וע"ז דנו כנ"ל אם צריכים גם מסורת או לא, אבל המין הזה ששמו הכללי הוא בופלו ונקרא וידוע גם היום בשם זה כמו שהי' נקרא בזמן חכמי התוס' ובזמן הפוסקים הקדמונים הסמ"ג, הערוך, המרדכי, האגור, ואחריהם הב"י והרמ"א והש"ך והשמ"ח, אלא שהוא מין פרטי חדש בגזע הבופילו, א"כ יתכן דאף אם נחמיר כדברי החזו"א יש לצדד דאין זה בגדר מין חדש רק אדרבה נכלל במסורת של הבופילו שמבואר ונראה בעליל מדברי כל הפוסקים הנ"ל ועוד, שהיו אוכלים אותו תמיד רק שהסתפקו בו לענין החלב וכיסוי הדם, אף שיש בו שינויים קטנים במבנה הגוף מהבופילו הרגילה שידוע לנו בודאי שנהגו לאוכלה, הרי שינויים קטנים יש גם במין הבהמות שאנו אוכלים ממדינה למדינה שאם נתגדלו כידוע, ואף אם נתעקש דשינויים אלו הם גדולים ויותר בולטים מהשינויים בין הבהמות הרגילות שאנו אוכלים, הרי אנו מוצאים כבר לצדדי היתר שונים לשינויים כאלו אף לענין המסורת בעופות אשר אף החזו"א יודה שהוא חמור פי כמה מהמסורת בבהמות, וא"כ ק"ו ב"ב של ק"ו דיש להקל כאן בזה.

ודמות ראי' להקל במין חדש שמוצאו ממין ידוע אלא שהוא קצת משונה ממנו, יש להביא ממה שנודע על השערוריות הגדולות שהיו בכמה תקופות מלפני מאה וחמשים שנה בענין העופות החדשים שהובאו מאיי הים למדינות אירופה, והיתה מלחמת ה' אדירה בין גאוני וגדולי הזמן, ויצאו קונטריסים לכאן ולכאן, ואין עת האסף פה בכל האריכות בזה, אך אציין על דברי הדרכ"ת בסי' פ"ב באיזהו מקומן שהביא ואסף כל דברי גדולי הפוסקים האחרונים בענין זה, שמבין דברי כולם רואים שהרבה הקילו אף בעופות שכבר פשטה הוראת הרמ"א דבעינן בהו מסורה, אעפ"כ צידדו הרבה גדולי הוראה להקל בעוף חדש שהי' ידוע שמוצאו ממין אחד והוא דומה אליו בכללות אלא שיש לו שינויים קטנים, עי' שם בס"ק כ"ד ובס"ק כ"ו וכ"ז ובס"ק ל"ב ול"ג ול"ד, ואף שהביא שם הרבה מחמירין וגם יש דיון בדברי הפוסקים שם לחלק אם השינוי רק בגדלות אבר א' או בכללות האברים, הרי כל הדיון הוא רק לגבי עופות שהמסורה בהם הוא מדינא אלינו שקבלנו פסק הרמ"א וטעמא רבה איכא בי' כמ"ש הפוסקים הקדמונים (הטור בשם רש"י והרא"ש ורי"ו ואחריהם האו"ה) דחוששין שמא

קכ — אבני דעה

הוא דורס שהוא סימן טומאה, משא"כ בבהמות וחיות דל"ש חשש זה, בוודאי דיש להקל טפי לענין זה.

— ט —

**הדיון בפוסקים לענין היתר תרנגול – הודו (אינדיק –טוירקי), וסיוע מדבריהם לנד"ד**

וכן ידוע הדיון בדברי הפוסקים לענין מין התרנגול הודו – טוירקי הנקראים בפוסקים גם בשם אינדישער האן או ענגלישער האן או אינדיק, שאוכלים אותם כהיום בכל תפוצות ישראל בלי שום פקפוק, שנתקשו הפוסקים מאוד בהיתר אכילתם, להיות שידוע דהעוף הזה משונה מאוד מתרנגולת שלנו שנהגו לאכלה, במדה ובקומה, כי האורך והרוחב שלו הוא כשתי תרנגולת שלנו או יותר, אף גם ראשם משונה שיש להם תלתלי בשר ארוך אדמדם על צוארם, וידוע דהעוף הזה לא הי' נמצא במדינות אבותינו בימי קדם אף א' מהם, רק שמצאו אותם במדינת אמעריקא אצל האינדיאנער (ומזה נשתרבב השם אינדיאנער הינער או תרנגול הודו, דלא כמו שטעו הרבה מחברים שבאו מאינדיא, עי' בדרכ"ת שם שהביא דברי הה"ג מבוקארעסט בשו"ת מי באר סי' י"ט שכת' וז"ל: וכבר ידוע בעוף אינדיק שהי' מסורה ברורה מאנשי אינדיא קבלה עד משה רבינו שהוא עוף טהור, אלא שהי' מחלוקת אם לסמוך על אנשי אינדיא, ובזה נחלקו חכמי הדור עד שעמד הריב"ש והכריע כחכמי המתירין ואמר שיש לסמוך על אנשי אינדיא, כי יש שם יראים ושלמים וכל אנשי אינדיא נזהרים ממאכלות אסורות עכ"ל, אך כבר תמהו על דבריו ודחו אותם לגמרי, עיי"ש בדרכ"ת עצמו שכת' דלא נמצא דבר זה בריב"ש כלל[ב] ולא בשום ספר קדמון או אחרון, וכן תמהו כנ"ל שלא הי' נמצא בזמנם ובמקומותם כלל כי נתגלה לראשונה באמעריקא), בשנת רנ"ב עם

ב) לענין דברי הדרכ"ת המובאים למעלה שתמה על דברי השו"ת מי באר שכת' שיש מסורת עליהם מאנשי אינדיא בקבלה עד משה רבינו וכו', אלא שנחלקו חכמי הדור אם לסמוך עליהם, "עד שעמד הריב"ש והכריע כחכמי המתירין" שיש לסמוך על אנשי אינדיא וכו', ותמה הדרכ"ת ובתוך דבריו כת' וז"ל: ולא מצאתי דבר זה בריב"ש כלל ולא מצאתי מחלוקה זו בשום ספר קדמון ולא בשום אחרון ע"כ.

יש לציין שמקורן של דברים הן בתשובה להגה"ק מהרי"א מקאמארנא זצוק"ל [הנדפ' בסו"ס כליל תפארת, והוא העתק מס' כנפי נשרים להג"ר ישעי' שור אבד"ק יאס], והרואה שם יראה שאין הכוונה להפוסק הקדמון הריב"ש כמו שחשב הדרכ"ת, רק הכוונה להבעש"ט הק', [והנני מעתיק דבריו הק' על אף היותם הפלא ופלא, וכאמור למעלה שלא הי' העוף בנמצא כלל בזמנם ובמקומותם, כי נתגלה לראשונה באמעריקא, בשנת רנ"ב עם התגלות מדינת אמעריקא], וז"ל שם:

ומענין עוף אינדיק הי' מסורה ברורה מאנשי אינדיא בקבלה עד משה רבינו שהוא עוף טהור, אלא שהי' מחלוקת אם לסמוך על אנשי אינדיא מאיזה טעם הידוע, ובזה נחלקו חכמי הדור והי' הלכה רפויה עד שעמד מרן הקדוש אור צח הריב"ש טוב והכריע הלכה כחכמי המתיר, ואמר שיש לסמוך על אנשי

אבני שי"ש — קכא

התגלות מדינת אמעריקא, ובכן תמהו איך התירו אז הגדולים אשר היו בימים ההם לאכול אותו בלתי מסורת, דהרי בארץ חדשה כזאת שלא נמצאו שם יהודים מעולם כלל איך שייך לומר שהי' להם משם מסורת[ג].

וע"ז כתבו הפוסקים יישובים ולצדדי היתר שונים, דרובם איתנייהו בנד"ד מק"ו [בצירוף מה שהבאנו בראש דברינו שכמה אנשים יראים שוחטים ואוכלים אותם זה איזה שנים גם פה], עי' בנחל אשכול הלכות סימני בהמה סו"ע פ' כ"ב אות י' באה"ד שעמד בזה, ובשו"ת שואל ומשיב מהדו' חמישאה ח"א סי' ס"ט, ועיי"ש במ"ש בזה, ויעויין בדברי הגאון בעל העמק שאלה בשו"ת משיב דבר חיו"ד סי' כ"ב שכת' ליישב דאף שאם הי' בא העוף לפנינו בתחלה לא היינו מתירים אותו כיון שיש לו שינויים מאווזות שלנו, אמנם בנידון זה כיון שכבר אוכלין אותם שם במקום ההוא מכבר בחזקת כשרות אין להחמיר כל זמן שאין לנו ראי' להיפך שהוא ממין טמא, דבע"כ מה שהחמיר הרמ"א להצריך מסורת הוא רק בעוף הבא לפנינו מחדש, ולא שמענו ממנו, אבל בעוף שידוע שכבר נהגו לאוכלו ויש לו הג' סימנים והוא שכן ונידמי, אע"פ שידוע שלא הי' לאבותינו שום מסורה עליהם אין לנו לאוסרם ולהוציא לעז על אבותינו שאכלו עוף טמא ח"ו, ע"כ אוכלים אנו עוף אינדיק אע"פ שהרבה מערערים עליהם כי בשעה שהביאום מאינדיא לא הי' מסורת על כשרותם וגם עד היום יש מחמירים ופורשים מהם, מ"מ כבר נהגו להתיר ואין פוצה פה, והוא משום שכבר הוחזקו להיתירא ואין ראי' לאוסרם, עכ"ד.

ובס' ערוגות הבושם הנ"ל האריך ג"כ בהיתרם ותמצית דבריו דבע"כ הוא משום דעוף זה מתגדל בביתינו לאלפים ולרבבות, ואנו רואים בהם שאינם דורסין כלל, ע"כ כיון שיש להם הג' סימנים מתירין אותו להדיא ואין חוששין שמא הוא מין דורס ע"כ, ופשוט דלפי דבריו יש היתר בנד"ד מק"ו, דהרי כאן לא שייך החשש של דורס ויש לו הסימנים וגם ידוע שכבר נהגו לאוכלה, ואף שידעתי שעל סניף זה יש להשיב הרבה ולחלק בין הנידונים לא נמנעתי מלכותבו ולצרפו כסניף.

אינדיא כי יש שם יראים ושלמים שאינם נכשלים וכו', וגם כל אנשי אינדיא בפרט נזהרים הרבה ממאכלות, ע"כ יש לסמוך עליהם וכו', ועפ"י הוראתו נתחזק הלכה להתיר, אבל לא בא ההיתר ע"י דמיונות שקרים כאלה חלילה וחלילה, עכלה"ט).

ג) ועי' בס' ערוגות הבושם [להג"ר ארי' לייבוש באלחובער בעמח"ס שו"ת שם ארי' הנודע לא' מספרי התשובות היותר מקובלות בהוראה], בקונט' התשו' שבסוף הספר סי' ט"ז שכת' דבזמנו אכן הי' משפחה אחת [משפחת פרענקיל] שאינם אוכלים עוף זה עד היום, וכשעושין שידוך עם בניהם ממשפחה אחרת המה מתנים בשעת התנאים שלא יאכילו לבניהם אינדיק שכך קבלו מאבותיהם ואבות אבותיהם, אך הוא עצמו סיים דאעפ"כ לא נמצא בכל העולם אדם שימנע מזה).

---

**דער אינטערנעט מלקט האָט פאַרגעסן וואָס ער האָט געשריבן אין ספר אבני שיש, וועלכע גדולי המתירים ער האָט דאָרט ברייט באַשריבן, און אַצינדער ביים גילוי דעת האָט ער אינגאַנצן פאַרגעסן פון זיי און פון זייער הוראה**